## גרויסער פאלקס קאנצערט

די בארימטע זינגערין **ברכה צפורה** פון ארץ־ישראל טרעט אויף ביי „פריינט פון יידיש לשון" **זונטיק דעם 7 מערץ 4.15** נאכמיטאג אין גרויסן זאל פון בערנארד באראן סעטלמענט 33 בערנער סטריט E.1

זי וועט זינגען יידישע העברעאישע רעליגיעזע און תמנישע פאלקס־לידער!

קומט אין מאסן! ? 1/6 ? 3/- ? 5/- ? זייט אין ציים!

---

## א צאתכם לשלום פאר חבר און פריינט י. ריכטיקער און פרוי

צום אפפאר קיין אמעריקע אונזער מיטארבעטער און פריינט י. ריכטיקער און פרוי זאגן מיר א הארציקן צאתכם לשלום און מיר ווינטשן זיי אז זייער ארבעט לטובת אונזער פאלק און זיין שרייבערישע טעטיקייט זאל אינם נייעם ישוב נאך טראגן זאפטיקערע פרוכט

רעדאקציע לשון און לעבן

---

## מזל טוב

א הארציקן מזל טוב צו אונזער מיטארבעטער, דעם באקאנטן קריטיקער **לעא קעניג** און **פרוי** צום געבורט פון זייער ערשטן איניקל. מיר ווינטשן זיי צוזאמען מיט דעם יונגן פאר פאלק, צו האבן גרוים נחת פון דעם ניי געבוירענעם קינד

רעדאקציע לשון און לעבן

---

### א הארציקן מזל טוב

צו דער חתונה פון

**אפרים**

דעם יונגסטן זון פונם דיכטער

**בן־א סאכאטשעווסקי**

ווינטשן מיר א הארציקן מזל טוב ווי אויך זיין פרוי. זיי זאלן האבן נחת פון זייערע קינדער

פריינט פון יידיש לשון

### צו דער חתונה פון אבא לעווי

דעם זון פונם דיכטער

**יוסף הלל לעווי** און **פרוי**

ווינטשן מיר א הארציקן מזל־טוב. זי זאלן דערלעבן פיל נחת פונם יונגן פאר־פאלק

פריינט פון יידיש לשון

---


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

ניינטער יארגאנג | מערץ 1948 לאנדאן | **נומער 3** (העפט 98)


## א פורים־קטן מאסקע שטאט א לייט־ארטיקל..

1 הינטער די קוליסן און א התנצלות פונם מחבר

אז מ'איז קראנק, אז מ'איז שוואך קריגן אלע זאכן שפיציקע קאנטן און שארפן און מ'שטויסט זיך אין זיי אן, און מען נזיק'ט זיך אין זיי. און נאך ערגער: אלע זאכן קומען כאלאסטרע־ווייז, אויף איינמאל, — ווי פון א שפיץ־בארג אראפ! — מ'ווערט פון זיי ארומגערינגלט און גענומען האצקים. דער בלויזער פראפיל פון א זאך קאן זיך א דורכשטעכן מיט זיין שפיציקייט, מיט זיין שארפקייט. און ערשט ווען זיין הארטער קאנט לעזט זיך טונקל אויף אין א געהיימעניספולן שאטן... אז נישט נאר דיין בידנע שטיקל עולם הזה, נאר אלע ש"י עולמות, דיין גאנצע עולם הבא קומט און שטעקט דיר ארויס א לאנגע צונג.

און דא רוקן זיך די טעג, — שרעקלעכע שווערלעכע טעג! און שוין איז דא דער יום־כפור־קטן, דער פארמיטאג, ווען די ליינאטיפ־מאשין ווארט שוין אויסצוקלאפן איר מאנאטלעכן על־חטא־ארטיקל... און צו אלע צרות האבן מיר נאך היינט אן עיבור־חודש, א ווייי־אדר,—א 13־טן חודש צו אונזער קאפ! — כאטש גיי און שרייב אן, אויף דער פוילער מינוט, א וויי־ארטיקל אנשטאט א לייט־ארטיקל.

עד כאן די הקדמה און איצט קומט די התנצלות.

אויב די קולטור־ארבעט און ליטערארישע טעטיקייט פון אונזער ישוב דא, איז א דויערנדיקע, פארוואָרצלטע און א ווירקנדיקע אויף לעתיד, איז לעת עתה מער נאך ווי צווייפלהאפט. אבער די הינטערקוליסן־אינטריגעס און די קינסטלער־אמביציעס קיין עין הרע, קאן מען שוין זיכער פארגלייכן מיט טלאמאצקי 13. . . . אויב נישט נאך העכער!

און אויב ס'איז נאך נויטיק לאגיק פאר פאקטן, איז זי א פשוטע: פאר קולטור־ארבעט מוז מען האבן א הארעפאשנע מאסע, א דורשטיקייט נאך קולטור, און פאר שעפערישקייט איז קודם כל דער ערשטער באדינג טאלענט און ערלעכקייט; און אויף וויפיל עס פעלט אונז דא א סך אויס אין די אקארשט דערמאנטע דריי ארטיקלען, האבן מיר אבער דווקא א גוטן בארן און אויך די ריכטיקע באדינגונגען דאצו. וועלכע זיינען נויטיק פאר איינרע־דעניש און פאר לאבוסעריי; אויף וויפיל די ערשטע דריי נויטיקע זאכן פעלן דא אונז האבן מיר א גרויסן איבערשוס אין די צוויי לעצטע — האבן מיר דערפאר דא א סך „זשעני" און ווייניק טאלאנט.

אפנים, ווי סקריסטלט זיך אזוי יידלט זיך: ביי אונזערע רבנים דא

ציינט זיך אויך אַרויס אַ גרעסערער איבערשוס אין „גאונים“ ווי אין סתם רבנים וואָס קענען לערנען, ס'איז טאַקע, אַפּנים, דער באָדן דאָ! אָבער געלויבט דער אויבערשטער, וואָס תמיד קומט די רפואה פאַר דער מכה: האָבן מיר נישט קיין סך, פאַרמעסטן מיר זיך דערפאַר אויף גרעסערס....

פאַרוואָס דער דאָפּל-טיטל פאַר דעם חלק ווי־אַרטיקל? סך־הכל אַ פּאָר נישטיקע שורות און אַזאַ קאָלאָסאַל אונטער־קעפּל: „הינטער די קוליסן און אַ התנצלות פונעם מחבר“? דער שכל הישר איז אַ פּשוטער: אויף דער אָפענער בינע ווי נישט איז מוז מען שוין האָבן אַ ביסעלע טאַלאַנט, אָבער אונטער די קוליסן קאָנען 13 סטאַטיסטן מאַכן אַ גערודער מער ווי אַ טוץ סטאַרס צוזאַמען — האָט איר שוין „די הינטער די קוליסן“! און דאָס התנצלות איז פּשוט דערפאַר: ווייל אין לאַנד פון „לייבל“ קאָן אַן אינטריגאַנט אָנגיין ס'גאַנצע לעבן און דו ביזט מאַכטלאָז קיינן אים....

דאָס איז אַפּנים דער באָדן דאָ!... איז נאָך נויטיק צו ריידן איצט פון וועלט פּאָליטיק און יידישן געראַנגל, פון אין בלוט אָפּגייענדיקן לייב פון יהודה! — אַז אונזער בידנע ביסעלע קולטור דאָ, אויף דעם באָדן, דאָס ביסעלע שאַפן דאָ אין אונזער ישוב, הייבט שוין אָן אַנצונעמען פאַרמען, אַז מ'שרעקט זיך פאַר זיי?

עפּעס אַ פּראָפיל פון אַ מענטש קאָן זיך אָפּשיידן פון זיין טויטן־שידל און ס'עפנט זיך אויף ווי אַ שטייגל און ס'קריכט אַרויס אַ—„לייבל“! ממש אַ וואַקסנדיק־ברילנדיקער לייב מיט ציין און לאַפּעס דיך אויפצופרעסן צעריים און ערשט וואָס פון אַ געהיימניספולן שאָטן ס'קאָן ווערן, ווען די זון גייט אונטער און ער הויבט זיך אָן אויסצוציען און באַוועגן.... און ערשט די פאַרצווינגענע מאַסקעס די שווידערלעכע מיט די אַרויסגעשטעקטע לאַנגע צונגען — אַז מ'פייפט אויף דיר און פערטיק!

2 לאָנדאָנער יידיש טעאַטער און אידאַ קאַמינסקאַ

מיר ווילן נישט חלילה אַ געררינגשעצנדיק וואָרט לאָזן פאַלן איבער אונזערע ליבע לאָנדאָנער אַקטיאָרן, אָבער אַז אַ מיאַועסער שאַנד־פלעק זאָל נישט פאַלן איבער אונזער גאַנצן ישוב, מוזן מיר אַרויס פון אונטער די קוליסן אויף דער אָפענער בינע אַרויס.

אונזערע בידנע טעאַטערס דאָ דאָס „אַזוי גענאַנטע“ מלוכה־טעאַטער און די חברים־גרופּע זיינען סוף כל סוף איינס און דאָס זעלבע. — די זעלבע יענטע נאָר אַנדערש געשלייערט! — די גרופּעס גרופּירן זיך אַרום די געקרוינטע סטאַרס און מ'האָפט אויף וואָס די וועלט שטיים מיט „טענצע און מיט געזונגען“. דער אונטערשייד פון אַלעקסאַנדער־טעאַטער צום גראַנד פּאַליי איז נאָר וואָס ביים ערשטן, אויף דער גרויסער ברייטער און רייכער בינע ווערט אונזער אָרעמקייט נאָך מער אויסגעשטעלט און נישט נאָר די געזונגענע נאָר אויך אַפילו די טענצע באַקומען אַקוסטיק, אַז ס'פאַרגייט אויך דאָס הערן און דאָס זען.

נישט איינמאָל בלייבט מען זיצן אינמיטן דער לאַכערייקע אין ביידע



„טעאַטערס“ — טרויעריק פאַרשעמט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ רויט פאַרבושה: סוף כל סוף האָבן מיר דאָך אַ פּאָר בכבודיקע טאַלענטן און מענטשן פון אַ געוויסער קולטור־ניוואָ, טאָ ווי אַזוי איז דאָס איבערהויפּט מעגלעך?

נישט נאָר די אַקטיאָרן, הינטער די קוליסן, גיבן זיך דאָ איבער רעפּליקן, נאָר זיי גיבן זיי שוין אויף דער אָפענער בינע פאַרן גאַנצן עולם: אינמיטן אַ לאַנגווייליקן מאָנאָלאָג, לאָזט ראָפּטום דער אַקטיאָר פאַלן אַ וואָרט וואָס פּאַטאַפּעט זיך נישט צום גאַנצן שפּיל און דער גאַנצער עולם ווייסט שוין וועלכעם לידל עס וועט אַרויסשפּרינגען, אָדער וועלכע צוויי־דייטיקער באַנאַלער וויץ — עס איז טיילמאָל שרעקלעך!

צי דער עולם האָט טאַקע דערפון גרויס הנאה איז נאָך זייער צווייפלהאַפט. (קיצלען מאַכט נאָך נישט קיין פאַרגעניגען!...) נאָר מאַלע וואָס מ'קאָן נישט צוגעוווינען די חיה־מענטש! נו, האַלט מען אַלץ דעם לאָנדאָנער עולם אין איין צוגעוואוינען! אָבער קרעפּל־פלייש עסט זיך דאָך אויך צושמעלצט מען איבער אַ סעזאָן מיט אַ קלאַסיש שטיק פון גאָלדפאַדן פון גאָרדין און — היידאַ! די קאַרוסעלע מיט די פערדלעך דרייט זיך ווייטער....

דאָס אַלעקסאַנדער־טעאַטער, צי ווייל ס'איז פאַרפליכטעט צו אַ מלוכהשער קונסט־אינסטיטוציע, צי ווייל מ'האָט יאָרן לאַנג זיך געריסן אויפן האַלדז וועגן קונסט און ליטעראַרישע דראַמעס האָט דעם פאַרגאַנגענעם חודש אַראָפּגעבראַכט פון פּוילן, אויף אַ צוויי חדשים, די באַרימטע רעזשיסאָרין און שוישפּילערין אידאַ קאַמינסקאַ. — עס איז געווען אַ שטיקל סאַטיספאַקציע פאַר אונז טעאַטער־נייערס צו האָבן די מעגלעכקייט צו זען אַ גרויסע קינסטלערין מיט אחריות פאַרן יידישן וואָרט, פאַר קינסטלערישע פאָרעם, פאַר קולטור־טראַדיציע, די אַלע גוטע פיינע זאַכן צו וועלכע מיר זיינען שוין דאָ מער נישט געוואוינט. מיר האָבן שוין אַפילו באַלד אָנגעהויבן גלויבן אין די טויזנט מאָל שוין צוגעזאָגטע הבטחות פון די רוישיקע און שרייערישע טעאַטער מעצענאַטן....

איר באַשיידן וויזיטן־קאַרטל האָט די גרויסע שוישפּילערין אונז אָבגעגעבן מיט איר „גליקל פון האַמעלן“! יאָ די טראַדיציע פון דער יידישער מאַמע איז נישט אַראָפּ פון די טעאַטער־ברעטער! די אייביק יידישע מאַמע. — אונזער מאַמע רחל־קאָמפּלעקס, פון „קול ברמה נשמע“, צום אונטערשייד צום גריכישן עדיפּוס־קאָמפּלעקס! — ווי פאַרשוונדעוועט דער מאָטיוו איז שוין נישט געוואָרן... אָבער קאַמינסקאַ האָט געוואָגט און באַוויזן אַריבערצושפּרינגען דעם תהום: 1939 יידיש טעאַטער אין וואַרשע און 1948 — וואָסער טיפער בלוטיקער תהום!! מיט יידישער טעאַטער־טראַדיציע און מיט אינטואיציע פאַר קונסט־פאָרמען איז מאַמע־מאָטיוו ביי איר נישט סענטימענטאַל רחמנות פּראָבלעם מיט קרעכצן און טרערן; זי האָט געפאָרעמט אַן אייביקע יידישע מאַמע פון יושר און צדק — אַ שרה בת־טובים־פּאַטראָנין וואָס שטייט ווי אַ שוץ־מלאך ביים וויגעלע פון אונזער מאָדערנער ליטעראַטור. זי געפאָרעמט „גליקל פון האַמעלן“, זי נופא, די שרייבערין נופא אַריינגעצויגן אין אירע מעמואַרן.

ווי אַ שטן מקטרג וואָלט געוואָלט מיר שטערן, האָב איך שיער ניט געקאָנט זיין ביי דער אויפפירונג פון „מירעלע אפרת". אָבער ווי אַ „פרומער ייד" האָב איך אַלע שוואַכקייטן גובר געווען. — די קאָן־געניאַלע טאָכטער פון דער מאַמע פון יידישן טעאַטער שפּילט „מירעלע אפרת" אין לאָנדאָן און איך וועל מיך שפּילן „זיין נישט מיט אַלעמען"!

„עס איז געווען אַ מאַיעסטעטיש אויפפירונג! און ווען איך בין אַריין איר אויסצודריקן מיין באַגייסטערונג און באַוואונדערונג, קוקט מיך אָן די קינסטלערין מיט איר קלוגן ערנסטן שמייכעלע אויף איר מאַמעדיק געאײדעלטן מירעלע אפרת פנים און האַקט מיר שאַרף איבער מיין ייִנגלישע באַגייסטערונג: דאָס איז מיין לעצטע אויפפירונג ביי אייך דאָ אין אייער לאַנדאָן! און אַז אידאַ קאַמינסקאַ זעט מיין באַנומענקייט און נישט פאַרשטיין, דערציילט זי מיר, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַט וואָס: זי האָט באַקומען פונם דירעקטאָר פונם טעאַטער אַזאַ מין בריוו, אַזוי ווי זי שפּילט שוין דריי דראַמעס איינע נאָך דער אַנדערער און דאָס קאָן זיך שלעכט אָפּרופן אויף להבא פאַרן טעאַטער, פאַרלאַנגט ער אַ פריילעכע מוזיקאַלישע זאַך פון איר א.א.וו. — כאַטש פאַרקאַטשן ס׳קליידל און האַצקען אַ קאַזאַטשאָק!

אַז איך בין אַרויס פון אונטער די קוליסן, האָבן ווידער אַלע זאַכן באַקומען שאַרפע און שפּיציקע קאַנטן און גע׳חוזק׳ט און גע׳ניזק׳ט. און די כאַלאַסטרע שאַטנס, וואָס זיינען זיך אָנגעלאָפן אַרום מיר בין איך אַליין געוואָרן אַ וואָלף־קולאַק און מיר אַליין אַרויסגעשטעקט אַ פייג מיט אַ לאַנגער צונג: אַזוי זעען מיר אויס, מיט אונזער גאַנצן ביסל קולטור — 80 טויזנט זנישטשיטע פאַראָרעמטע יידן געבליבענע אין פוילן האָבן פּרעכטיקע צייטונגען, ביכער פאַרלאַגן, ליטעראַרישע קונסט־טעאַטערס, און מיר דאָ, מעשטיינס געזאָגט, קרוב אַ האַלבן מיליאָן יידן אָנגעשטאָפּטע מיט פונטן? — גרויס־מוילעריי און נאַכאַלסטווע!

מען שעמט זיך דאָך. פאַר אונז אַליין ממש אויפצודעקן, וואָס דאָ טוט זיך. ווייל ס׳וועט דאָך נישט בלייבן קיין פייגן־בלאַט צומאָל צוצודעקן אונזער בושה — — — —

אָבער אַז אונזער גאַנץ בידנע ביסל קולטור־טעטיקייט און גייסטיק שאַפן שטייט נישט אויף קיין העכערן ניוואָ ווי דאָס גייסטלעכע כלי־קודשריקע געזעלשאַפטלעכע פאַרטיילעכע, האָבן מיר דאָ דערפאַר אַזעלכע קולטור־רודערער און קלינגנדיקע מעצענאַטן ווי די בייכלדיקע און צילינדערדיקע שול־פּרעזידענטן, אויב ניט נאָך נידריקערע! ברויכן דען קאַכלעפל מער ווי אַ פולע שיסל מיט געזאַטענע אַרבעס?... עס איז אַפּנים דער ישוב דאָ! לעבנדיק אין שאָטן פון אַ גרויסער פרעמדער קולטור, אין שאָטן פונם בריטישן ברילנדיקן לייב! — נישט האָבנדיק קיין אייגענע גייסטלעכע און גייסטיקע קולטור־חשיבות, אָנגעטון אין עפּעס אַ פאַרצוויגענע מאַסקע מיט שוידערלעכע גרימאַסן, פלאָדען מיר „לייבעלעך", מיר דרעסירן זיי, מיט עפּעס אַזאַ מין „האַזאַרט"־הנאה און זיי וואַרפן אָן אויף אונז אַ קינדלעכע מורא. . . .



ד״ר יעקב י. מייטליס

# גליקל פון האַמלן׳ס זכרונות

## (צו דער אויפפירונג פון אידאַ קאַמינסקאַ)

נישט באַזונדערס רייך איז די זכרונות־ליטעראַטור ביי יידן, בפרט נאָך אין יידיש. סיבות זיינען געווים פאַראַן גענוג. יידן האָבן ווייניק וואָס אין זינען געהאַט צו שרייבן מעמואַרן, צו מאַכן אַ חשיבות פון דעם אייגענעם לעבן, צו דערציילן וועגן זיך, וועגן זייער צייט בכלל וועגן זאַכן, וואָס האָבן זיך זיי אויסגעוויזן צו זיין אַזוי נישט־וויכטיק און נישט־אינטערעסאַנט. אויף דעם פּטרן צייט האָט מען ביי קיין שום אופן נישט געוואָלט. וואָס האָט שוין געקאָנט זיין אינטערעסאַנט, האָט מען זיך מסתמא געפרעגט, אינם לעבן פון אַ יחיד צי פון אַ יידישער משפחה, אַז מען זאָל דאָס גיין איבערדערציילן. איז דאָך איין משפחה־לעבן גלייך צום אַנדערן, און אין וואָס באַשטייט שוין דער חלוק. בפרט נאָך אין יענע צייטן, ווען דאָס לעבן איז געווען אוניפאָרם און קאָלעקטיוו אָרגאַניזירט. דעמאָלט איז דאָך כמעט קיין פּלאַץ נישט געווען פאַר דעם אינדיווידועלן, פאַר דעם יחיד־במינו׳דיקן. עס האָט געפעלט דאָס פאַרשטענדעניש פאַר דעטאַלן, פאַר דעם טאָג־טעגלעכן לעבן מיט אַלע זיינע ניואַנסן, פאַרביקייטן, וואָס טרעטן דאָך דווקא אַזוי בולט אַרויס אין דער מעמואַרן־ליטעראַטור און צוליב דעם זיינען זיי דאָס אַזוינע וויכטיקע קולטור־געשיכטלעכע מאַטעריאַלן פאַר דעם שפּעטערדיקן היסטאָריקער. אַט דערפאַר טאַקע זיינען פאַר אונז די זכרונות פון גליקל האַמל פון אַזאַ גרויסער היסטאָריש־געזעלשאַפטלעכער חשיבות פאַר דער געשיכטע פונם 17־טן יאָרהונדערט און מיר שאַצן זיך גליקלעך, וואָס איר ווערק האָט זיך אונז דערהאַלטן.

וואָס איז טאַקע געווען די סיבה, פאַרוואָס גליקל, די רייכע, פרומע און פאַרנעמע פרוי, האָט זיך אין די שפּעטערע יאָרן פון איר לעבן אוועקגעזעצט אָנשרייבן אירע זכרונות? מען מוז, פאַרשטייט זיך, נעמען אין אַכט, אַז גליקל איז נישט סתם אויסן געווען צו שרייבן ליטעראַטור און האָט אויך נישט געטראַכט וועגן קיין פרסום. זי האָט אודאי נישט געוואָלט מזכה זיין דעם צוקונפטיקן היסטאָריקער מיט אירע אינטערעסאַנטע פאַקטן און מאַטעריאַלן. אויף אַזעלכע געדאַנקען וואָלט זי גאָרנישט געקענט קומען. דאָס שרייבן איז פאַר איר געווען אַ פּריוואַטער ענין, אַ משפחה זאַך. דערביי אָבער האָבן אירע זכרונות געדאַרפט האָבן אַ דידאַקטישע אויפגאַבע. זי איז אויסן געווען איבערצולאָזן פאַר אירע קינדער און קינדס־קינדער זייער יחוס־בריוו. זיי איבערדערציילן פון וואַנען זיי שטאַמען, וואָס פאַר אַ טייערע, פרומע עלטערן און זיידעס זיי האָבן געהאַט, פול מיט מעשים־טובים און יראת שמים, כדי זיי, די קינדער, זאָלן זיך פלייסן אָפּצוהיטן דעם דאָזיקן אוצר פון יידישקייט און זיין טרייע און ערלעכע יידן.

דער געדאַנק אָנצושרייבן די זכרונות איז איר געקומען אין אַ מאָמענט פון מעמקים, פון טיפן ווייטיק און צער, נאָכן טויט פון איר היים־געליבטן מאַן חיים. אין שלאָפלאָזע, יסורים־פולע נעכט, אין געראַנגל מיטן שווערן גורל, וואָס האָט זי אַ וויסטע אלמנה איבערגעלאָזט מיט אַ הויז פול קינדער, ווערט ביי איר רייף דער געדאַנק איבערצוגעבן די קינדער אַ בילד פון דער ליכטיקער געשטאַלט פון זייער פאַרשטאָרבענעם פאָטער, פון זיינע שיינע מידות און התנהגות, זיין יושר און פרומקייט, זיין נוסטקייט און זיין צונגבונדענקייט צו איר, זיין פרוי און זיינע קינדער. אַרום דער געשטאַלט פון דעם גוטן און ליבהאַרציקן חיים'ן מאָלט זי אונז אַ פּראַכטפול, פילפאַרביק בילד און אינטים ביז גאָר פונם אַמאָליקן יידישן לעבן אין דייטשלאַנד און די שכנותדיקע לענדער. עס איז אויך אַ בילד, וואָס איז אונז אַזוי גוט באַקאַנט, וואָס חזר'ט זיך איבער אַזוי אָפט אין דער יידישער געשיכטע, אַ בילד פון עקאָנאָמישן קאַמף און בערג־אַרויף, פון אַ געראַנגל פאַר רעכט, פון דיסקרימינאַציעס און רדיפות, פון גזירות און גירושים, פון מלחמות און כלערליי פיין, וואָס מאַכן צונישט יעדן פרוב פונם ייד זיך איינצופונדעווען אינם באָדן פון זיין גאַסט־לאַנד.

אין דעם דאָזיקן גרויסן געשיכטלעכן ראָד איז איינגעשפּאַנט דער גורל פון דער משפחה האַמל. עס איז אַ שיינע, פרומע, מיוחסת'דיקע און רייכע לומדים־משפחה. מ'פירט גרויסע געשעפטן, פאָרט אויף ירידים, שיקט די קינדער אויף די ישיבות פון פוילן, וואָס שם'ען מיט זייער לומדות און חריפות. מ'שליסט אָפּ שדוכים מיט די שענסטע משפחות אין דייטשלאַנד און גיט גרויסע נדנ'ס. בקצור מען פירט אַ בעל־הבתיש, רייך יידיש לעבן און טוט אַ סך גוטס. דער לעבנשטייגער איז אַ פשוטער און אַ צניעותדיקער. עס איז אַ נגידישע ווסטקייט, וואָס קען זיך דערלויבן צו זיין באַשיידן. קומט חלילה אָן אומגליק איבער דער משפחה, זעט מען אין דעם אָן ענין זיך צו פאַרטראַכטן אין גאָטס פאַרבאָרגענע דרכים. איבער דעם לעבן פון יחיד ווי פון צבור הענגט אַ שטאַרקע אמונה און אָן אייזערנער בטחון, וואָס קיין שטורעם און קיין שום פיין אין דער וועלט קען אים נישט צוברעכן.

---

עס איז געווען אַ באַוועגטער, בלוטיקער יאָרהונדערט, דער 17־טער יאָרהונדערט אין וועלכן גליקל האַמל האָט געלעבט. די אַלע אָנגעזאַמלטע יסורים און נויט, די שרעק און פיין פון דעם וויסטן קאָזאַקן־אויפשטאַנד, זיינען מיט אַ מיסטישער פאַרציקונג אויסגעבראָכן אין דעם מעכטיקן גאולה־אויפברויז פון דער משיחישער באַוועגונג פון שבתי צבי. די ליידן, דער ים פון בלוט, וואָס האָט געדראָט צו פאַרפלייצן טיילן פון דער דעמאָלטיקער יידישער וועלט האָבן געזוכט זיך צו שאַפן אָן אויסגלייך, אַ ווענטיל, געפינען זייער באַלאַנס אין דער שטאַרקער בענקשאַפט אויסגעלייזט צו ווערן.

אָט די גרויסע געשעעענישן געפינען אַ פאַרשטענדלעכן אָפּקלאַנג אין גליקל'ס זכרונות. גליקל איז נאָך געווען אַ קינד, בשעת פוילישע יידן, אָנטרונענע פון די גרויסע שחיטות פון די יאָרן ת"ח ות"ט (אַגב איז דאָס איצטיקע יאָר די טרויעריקע יאָרצייט, 300 יאָר נאָך דער קאַטאַסטראָפע) האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אין די גאַסן פון דייטשע קהילות און זיינען אויך אָנגעקומען קיין האַמבורג. זי דערציילט, אַז צווישן די פליטים זיינען געווען אַ סך מיט אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן און ווייל די קהילה אין האַמבורג האָט נישט געהאַט קיין שפּיטאָל אָדער אַ הקדש, זיינען קראַנקע איינגעשטאַנען אין הויז פון איר פאָטער, לייב פינקערלע, דעם פרנס פון דער קהילה.

אומעטום, וואו די קרבנות פון דעם בלוטיקן קאָזאַקן־אויפשטאַנד זיינען געקומען, האָבן זייערע שוידערלעכע איבערלעבענישן אַרויסגערופן טרויער און שרעק. די יידישע וועלט איז געווען אויפגעציטערט אין אירע יסודות. מ'האָט אין די דאָזיקע יסורים געזען די אמת'ע חבלי גאולה, די ליידן, וואָס מוזן פאַרויס גיין די אויסלייזונג און מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם האָט מען אַרויסגעקוקט אויף דעם גואל. ער האָט אויף זיך נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן. באַלד איז אויפגעגאַנגען אויפן יידישן הימל דער שטערן פון שבתי צבי, וועמען די מאַסן האָבן באַגריסט אַלס דעם משיח. אַ מעכטיקער אויפברויז איז אַדורך איבער די יידישע וועלט. איבער גאַנצע קהילות פון טערקיי, איטאַליע, פוילן, דייטשלאַנד און האָלאַנד האָט זיך געטראָגן אַ כוואַליע פון עקסטאַז און התלהבות. די וועלט איז געווען ווי עלעקטריזירט. אומעטום האָט געהערשט אַ שמחה און אַ יו"ט, בפרט ביי די פּאָרטוגיזישע יידן. גליקל דערציילט, אַז אין האַמבורג האָבן זיך די יונגע פּאָרטוגיזן אָנגעטאָן אין זייערע יו"ט'דיקע מלבושים מיט ברייטע, גרינע זיידענע בענדער און געגאַנגען אין שול אַריין מיט פויקן און טענץ. דאָרט האָט מען אין אַ געהויבענער שטימונג, מיט שאַלונג און טרומייטן פאַרגעלייענט די בריוו, וואָס זיינען אָנגעקומען, און וואָס האָבן דערציילט די גדלות און די נסים פון שבתי צבי'ן, דעם משיח.

גליקל'ס שווער יוסף, וואָס האָט געוואוינט אין האַמלן נישט ווייט פון הילדעסהיים (דערפון נעמט זיך דער נאָמען פון דער משפחה), האָט אַלץ אויספאַרקויפט און זיך אַריבערגעצויגן קיין הילדעסהיים, כדי צו זיין נענטער צו הערן די בשורה פון גאולה. ער האָט אַפילו צוגעגרייט פּראָוויאַנט אין גרויסע פעסער, וואָס ער האָט אַריבערגעשיקט קיין האַמבורג, וואָס האָט געזאָלט זיין געגרייט פאַר דער נסיעה. דעם פּראָוויאַנט, דערציילט גליקל, האָט דער שווער געהאַלטן גאַנצע דריי יאָר, אַזוי שטאַרק זיינען געווען די האָפענונגען, אַזוי גרויס דער בטחון אין דער גאולה.

אָבער ליידער איז דער משיח געווען אַ פאַלשער. ער האָט די גאולה נישט געבראַכט. אויף איר פרומען תמימות'דיקן שטייגער פירט גליקל אויס, אַז דער דור איז נישט ראוי געווען צו דער גאולה. די יסורים זיינען געווען גרויס, די געבורט־ווייען שטאַרק. געבוירן געוואָרן איז אָבער ווינד און נישט דערלייזונג. „אויב די גאולה פאַרשפּעטיקט זיך, אַזוי האָף איך דאָך יעדן טאָג, אַז זי וועט קומען. ווען עס וועט זיין דיין (גאָטס) הייליקער רצון, וועסטו דיך שוין דערמאָנען אין דיין פאָלק ישראל". ענדיקט גליקל אירע באַטראַכ־

טונגען אינם נוסח פונם דעמאלטיקן מוסר.

די זכרונות פון גליקל פארמאגן אויך א שלל וויכטיקע ידיעות וועגן דעם לעבן פון יידן אין דייטשלאנד. וועגן א ריי וויכטיקע פערזאנען און קהילות פון יענער תקופה. עס איז אפט א פאסצינירענדיקע געשיכטע פון איינצעלנע מיטצייטלערישע אנגעזעענע משפחות, זייער אויפשטייג און עשירות, וואס האבן נאך אין שפעטערע דורות געשפילט א וויכטיקע ראלע. מיר געפינען אויך דארט שטאף פונם לעבן פון וויכטיקע קהילות סיי אין דייטשלאנד ווי אלטאנא, האמבורג, באמבערג, הילדעסהיים און סיי אין פראנקרייך, האלאנד און דענעמארק, וואו עס זיינען געווען שיינע, בליענדיקע יידישע יישובים צו יענער צייט.

מיר געפינען אויך אן אפקלאנג פון די אנהייבן פון ייידישן יישוב אין ענגלאנד נאך דער צייט פון דער רעסטאווראציע אונטער קראמוועל׳ן און די פוריטאנער. יידן אין דייטשלאנד האנדלען מיט יידן פון ענגלאנד אין צירונג און איידעלשטיינער. גליקל׳ס איידעם מרדכי, דער זון פון משה ב״ר לייב, האט זיך טאקע אריבערגעצויגן קיין לאנדאן און דא שפעטער באגרינדעט די האמבורא־שול.

---

גליקל מאלט אונז א געטריי בילד פון איר סביבה, פון דעם וועלט־באנעם און פון דעם געזעלשאפטלעכן לעבן פון יענער צייט. זי שילדערט אונז מנהגים, זיטן און דעם לעבנשטייגער פון אמאל. אט אזוי הערן מיר פון איר, אז מען האט דעם פרייטיק פאר דער חתונה געפראוועט מיט גרויס פאראד, וואס מען האט אנגערופן שפינהאלץ. עס איז געווען, זעט זיך אויס, פארבונדן מיט דעם מנהג פון איבערגעבן מתנות דער כלה. אויף דער רייכער און פרייליכער חתונה פון איר טאכטער צפורה אין קלעווע, האבן דעם עולם געסט געוויילט לצים און קאטאוועס־טרייבער. צום סוף האבן די פארשטעלטע אויפגעפירט א „טויטן־טאנץ“, וואס איז געווען א זער זעלטענער. קולטור געשיכטלעך אינ־טרעסאנט איז אין דעם צוזאמענהאנג, אז דער טויטן־טאנץ, וואס איז געווען אויפגעבויט אויף ריין קירכלעך־אלעגארישע מאטיוון, האט זיך געהאט קונה שביתה געווען ביי יידן און איז געווארן אויפגעפירט אויף יידישע חתונות.

אין מעץ איז געווען א מנהג אויפן דריטן טאג נאך דער ברית־מילה צו מאכן א סעודה פאר פרויען. בחורים האט מען פון דייטשלאנד צי פון מעץ געשיקט לערנען אין די פוילישע ישיבות, וואו זיי האבן באקומען דעם טיטל „מורנו“. בשעת זי איז אין די שפעטערע יארן אנגעקומען קיין מעץ, אלס די צווייטע פרוי פון דעם גביר און פרנס סעף לעווי, איז דארט געווען א שיינע און פרומע קהילה, זאגט גליקל עדות. אין דער שול האט דעמאלט נאך קיינער נישט געטראגן קיין פארוק (א מאדע פון לודוויק דעם 14טן), וואס שפעטער האבן א ריי אנגעזעענע יידן איבערגענומען) און מען האט נאך נישט געהערט פון א פאל, אז א ייד זאל לאדן א צווייטן נישט צו א יידישן דין־תורה, נאר אין די גוישע סאנדעס.



די זכרונות פון גליקל פון האמל זיינען פון א גרויסן קולטור־היסטארישן און געזעלשאפטלעכן באטייט. נישט אומזיסט האט מען זיי פארגליכט מיט דער קלאסישער קארעספאדענץ, די בריוו פון מאדאם דע־סעוויניע, א מיט־צייטלערין פון לודוויק דעם 14טן פון פראנקרייך.

זי מאלט אונז מיט א סך קאליר, ברייט און פלאסטיש איר סביבה, די צייט, די מענטשן און זייער וועלט־באנעם. אלס א פרומע, גאטספארכטיקע יידישע טאכטער איז איר אויסקוק א גלייביקער און איר צוגאנג צו די פראב־בלעמען פון לעבן, פון יידן א.ז.וו. א תמימות׳דיק־נאאיווער. אירע גאנצע בקיאות שעפט זי פון דעם גרויסן אוצר פון דער יידישער פאלקס־ליטעראטור, וואס האט דעמאלט געהאט דערגרייכט א הויכע מדרגה. זי איז באקאנט מיט א סך מוסר־ספרים, בעקר מיט דעם „בראנטשפיגל“, „לב־טוב“ און אנדערע ביכער, און דער נוסח פון מוסר באהערשט איר דענקען, איר טראכטן און פילן.

גליקל איז א קלוגע, פראקטישע פרוי, אבער זי איז אויך געווען גע־בענטשט מיט א רייכער, פאעטישער נשמה און א טיף־פילנדיק הארץ. מיט איר פשטות און תמימות׳דיקייט געלינגט עס איר אונז אריינצופירן אין דער אינטימער גייסטיקער וועלט פון אמאל, אונז איבערצוגעבן א לעבעדיק בילד פון א שטיק יידישעווירקלעכקייט. גליקל שרייבט אירע זכרונות צום סוף פון איר לעבן, וואס איז געווען פול פון יסורים און אנטוישונגען אבער אויך פון פרייד און גליק. זי שרייבט מיט איינגעהאלטענעם צער, שטיל־ציכטיק, באש־שיידן און נישט־שרייעריש. איבער אלעם איז אויסגעגאסן אן עפישע שטיל־קייט, צו וועלכער נאר גרויסע פראזע־מייסטער קענען זיך דערהייבן.

---

פ.ס.—אידא קאמינסקא האט אין איר אינטערעסאנטער דראמאטיזאציע פון שטאף געגעבן א קינסטלערישע וואריאציע פון גליקל׳ן און געפרובט שאפן א טיפ פון אן אנדערער גליקל, א מין פראטאטיפ פון יענער העלדין־פרוי דעם יחיד, וואס נעמט אויף זיך דעם קאמף קעגן דער געזעלשאפט און מאנט גערעכטיקייט. אידא קאמינסקא איז בלי ספק איינע פון אונזערע בעסטע און פעאיקסטע אקטריסעס און זי האט מיט איר אויפפירונג אונז געוויזן, אז זי קאן אויך זיין א קרעאטיווע רעזשיסארין.

די אויפפירונג איז געווען א שיינע, א זויבערע און א גוטע און דער אנסאמבל האט געגעבן זיין בעסטעס. אז דער אונט זאל זיין א געלונגענער. א שרעקלעכער דיסאנאנץ צו דער דאזיקער רואיקער און קולטורעלער פאר־אנשטאלטונג איז געווען די ביליקע מארק־שרייערישע רעקלאמע מיט וועלכער איינער פון די טעאטער־מענטשן האט זיך באמיט אין דער פויזע צו מאכן אביסל רעקלאמע פאר דעם חשוב׳ן גאסט. גלייבט מיר, אידא קאמינסקא נויטיקט זיך באמת נישט אין די ביליקע מליצות, אפילו ווען זיי זיינען ארויס־גענומען פון אקדמות. עס איז צייט, אז דאס יידישע טעאטער אין לאנדאן זאל ווערן מער ערנסט און האבן אמת׳ע קלוטר. א געלונגענער אנהויב איז געווארן געמאכט.

## לעא קעניג

# די יידישע געשיכטע אויפן „בראָך־שטול“...

„און אַזוי אַרום ווערט די יידישע געשיכטע פאָרטגעזעצט“... — איז דער דער סוף פסוק פון פּראָפעסאָר שמעון דובנאָווס עפּילאָג צו דער נייסטער געשיכטע פונם יידישן פאָלק וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט ערב דער צווייטער וועלט מלחמה... (זיין לעצט ווערק — ריגע 1938).

איצט נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה, נאָך דעם אומקום פונם אייראָפּעאישן יידנטום און נאָך דער צוטיילונג פון א"י אויף צוויי מלוכות, אַראַבישער און יידישער — קלינגט אַביסל צו אָפּטימיסטיש און צו פּעסימיסטיש צו דער זעלבער צייט, אָט דער סוף פסוק פון אונזער גרויסן נאַציאָנאַלן היסטאָריקער, וועלכער איז אַליין אַזוי באַרבאַריש־נאַציש אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיטן מזרח אייראָפּעאישן יידנטום.

איצט זעט אַסך פון אונז אויס אַז דער המשך פון דער יידישער געשיכטע אין וועלכער אונזער היסטאָריקער האָט אַזוי געגלויבט, ווי מיר אַלע גלויבן נאָך עד היום אַזוי נאַטירלעך און איבערנאַטירלעך — וועט שוין ניט זיין דער אייגענער, וועט שוין ניט זיין אַזוי המשכדיק....

די יידישע געשיכטע וועט שוין, דאַכט זיך, אַזוי ווי פריער ווייטער ניט פאָרטגעזעצט ווערן. דאָס גרויסע בוך — די געשיכטע פונם יידישן פאָלק פונם צווייטן חורבן אָן, די צוויי טויזנט יעריקע געשיכטע פון גלות — האַלט ביים אָפּגעשלאָסן ווערן מיטן טראַדיציאָנעלן חזק חזק ונתחזק....

ווען מיר זעען אין אַ ספר אַ המשך יבוא, אַ פאָרטזעצונג קומט, דערוואַרטן מיר ווייטערע ענליך־לאָגישע אַנטוויקלונגען און האַנדלונגען — טראַגישע און פריילעכע, יאוּשדיקע און האָפענונגספולע — אָבער אַלץ און אַלע אין דעם זעלבן כאַראַקטער, אין דעם זעלביקן גייסט פונם ספר. דער לעזער ווייסט שוין, אַזוי צו זאָגן, וואָס צו דערוואַרטן אין די ווייטערדיקע טיילן, אַזוי איינגעלעבט איז ער מיט די העלדן און כאַראַקטערן און זייער גורל און אפילו ווען עס קומען איבעראַשונגען און סורפּריזן אין די ווייטערדיקע טיילן, ווערן זיי אויך באַלד אַסימילירט אַריינגעוועבט אינם געוועב פונם ספר און דער שעפערישער לעזער דערפילט אַז זיי האָבן געמוזט פּאַסירן, אַז די איבעראַשונגען זיינען אין דער אמתן לאָגיש־נויטוועדיק געווען אין דער דינאַמיק פונם בוך און פּאַסן אַזוי אַריין אין דעם געוועב אין דער אַרכיטעקטאָניק פון דעם גרויסן לעבעדיקן ספר, באַזונדער ווען דער ספר איז די געשיכטע פון אַ פאָלק.

דאָס געזאָגטע העלפט אפשר צו דערקלערן דעם סוף פסוק פון אונזער היסטאָריקער אין זיין „עפּילאָג צו דער נייסטער געשיכטע פונם יידישן פאָלק“:

„און אַזוי אַרום ווערט די יידישע געשיכטע פאָרטגעזעצט“: אין דעם עפּילאָג גיט ער איבער בקיצור די הויפּט פּאַסירונגען און דאַטעס אין אונזער



געשיכטע פון דער ערשטער וועלט מלחמה ביז ניינצן אַכט און דרייסיג, ר"ה ביז ערב דער צווייטער וועלט מלחמה אין וועלכער אונזער נאַציאָנאַלער היסטאָריקער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אַ דריט חלק פון אונזער פאָלק....

פּאַסירונגען און דאַטעס פון אומגעהויער היסטאָרישן באַדייט און וויכטיקייט: די ערשטע וועלט מלחמה און צענדליקער טויזנטער יידישע זעלנער אויף אַלע פראָנטן אין אַ ברידער־קאַמף פאַר זייערע פאַרשידענע פאָטערלענדער מיט וועלכע די יידישע גלות געשיכטע האָט זיי באַגליקט....(דאָס זענען נאָך געווען די אידילישע צייטן ווען דייטשע יידן האָבן געמעגט שטאַרבן פאַר זייער „פאָטערלאַנד“.) די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע און די האָפענונגען און אַנטוישונגען פון די גרויסע יידישע מאַסן דעקלאַסירטע... די פּאָגראָמען פון די פּעטלוראַס און די וראַנגעלס און די אַנדערע „ווייסע“ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן... די באַלפור דעקלעראַציע וועלכע איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַזוי פיל פרייד און האָפענונג אין אַלע תפוצות ישראל... און... דער טרויעריקער „ווייסער פּאַפּיר“....

די ירידה — אין צאָל הויפּטזאַכליך — פונם רוסישן יידנטום און דער פענאָמענאַלער אויפשטייג פונם אַמעריקאַנעם יידנטום — איצט די גרעסטע און רייכסטע יידישע קהלה אין אונזער געשיכטע.... און ענדלעך דאָס אויפקומען פון נאַציזם — דעם געפערליכסטן און ביטערסטן שונא וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט ווען געהאַט, און דער גייסטיקער און מאַטעריעלער חורבן פון די רייכע יידישע קהילות אין די דייטשע לענדער....

מיט איין וואָרט אין דעם עפּילאָג האָט אונזער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו פאַרצייכנט דעם פערטל יאָרהונדערט אונגעפער צווישן די צוויי וועלט מלחמות... אַ פערטל יאָרהונדערט וועלט אויפטרייסלענדיקע פּאַסירונגען וואָס האָט קיין גלייכן ניט געהאַט ניט אין אונזער געשיכטע און ניט אין דער וועלט געשיכטע בכלל.

און דאָך האָט שמעון דובנאָוו וועלכער האָט אַזוי גוט געקענט דעם כאַראַקטער און דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע און האָט אונז געגעבן זיין קלאַסישע שלום געשיכטע פונם יידישן פאָלק, געענדיגט זיין עפּילאָג מיט אַ „המשך יבוא“: „און אַזוי אַרום ווערט די יידישע געשיכטע פאָרטגעזעצט“.

עפּעס ווי ער וואָלט מיט דעם סוף פסוק צו אונז געזאָגט: מיר וועלן נאָך האָבן שווערע און ביטערע צייטן, אָבער מיר וועלן נאָך האָבן אויך ליכטיקע און שעפערישע תקופות... אונזער געשיכטע איז נאָך מער ווי אַנדערע פעלקער געשיכטעס אַ געשיכטע פון עליות און ירידות... מיר זעען די חבלי לידה פון אַ יידישער מלוכה אין א"י אָבער אין גלות וועלן אויך אויפקומען נייע גרויסע יידישע קולטור צענטרן... די איינגאַרטיקע יידישע געשיכטע וועט פאָרטגעזעצט....

ווער נאָך ווי אונזער גרויסער נאַציאָנאַלער היסטאָריקער האָט אַזאַ רעכט געהאַט פאָרויסזאָגן אָט דעם המשך, אָט דעם אייביקן המשך....

און דאָך האָבן מיר זיינע תּלמידים — און אין אַ געוויסער מאָס זיינען אַלע היינטיקע יונגערע יידישע שרייבער זיינע תלמידים — איצט אַזאַ מין געפיל אַז „די יידישע געשיכטע וועט שוין ניט אַזוי ווי פריער פאַרטגעזעצט ווערן"... אַז דער המשך וועט שוין זיין אַנדערש. און וועט ווייסט ווי אַנדערש, דער ספר פאַרמאַכט זיך איצט ניט מיט אַ המשך יבוא נור מיט אַ „חזק ונתחזק"....אַ נייער ספר יידישע געשיכטע פון אַ גאָר אַנדערן כאַראַקטער און גייסט אפשר וועט זיך מוזן אָנפאַנגען... עס שליסט זיך איצט אָפּ ניט אַ תקופה, ניט אַ עפּאָכע, נור אַ צוויי טויזנט יעריקע גלות געשיכטע וועלכע וועט שוין ניט קענען אָנגיין ווי פריער....ניט נור ווייל די דריטע יידישע מלוכה הויבט זיך איצט אָן רעאַליזירן און וועט אין יעדן פאַל אַנדערש מאַכן אונזער גאַנצע נייע געשיכטע אויך אין דער דיאַספּאָרא....נור אפשר נאָך מער דערפאַר ווייל אַלע נאַציאָנאַלע געשיכטעס וועלן מוזן אַנדערש ווערן אויב זיי ווילן בלייבן לעבן. —

פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו האָט זיין עפּילאָג געשריבן ערב דער צווייטער וועלט מלחמה. ער האָט די צווייטע וועלט מלחמה ניט איבערגעלעבט (און וואָס ער האָט געקלערט און פאָראויסגעזען אין זיינע לעצטע טראַגישע טעג אין דער קריג, ווייסן מיר ניט...). ער האָט אין זיין עפּילאָג גענזען די חבלי לידה פון דער יידישער מלוכה. אין א"י מיטן האַלב מיליאָניקן יידישן ישוב. און ער האָט שוין גענזען די סם המותדרקע געפאַרן פונם אויפגעריסענעם נאַציזם וועלכער האָט שוין דאַן נעדראָט אייראָפּע און באַזונדער אונזער פאָלק. אָבער אונזער היסטאָריקער האָט ניט געקענט פאָראויסזען אַז דער בעסטיאַלער נאַציזם וועט אויסמעקן דעם קערנדיקסטן טייל פון אונזער פאָלק (און ווער מיט דעם מינדסטן גלויבן אין מענטשלעכקייט האָט אַזאַ זאַך אפילו דעמאָלט זיך געקענט פאָרשטעלן?). ער האָט אפשר אויך ניט געקענט פאָראויסזען דעם „נס" פון יונא און אַז די חבלי לידה פון דער דריטער יידישער מלוכה וועלן זיין אַזעלכע שווערע און טראַגישע. און וואָס איז אפשר נאָך וויכטיקער: אונזער היסטאָריקער האָט ניט געקענט פאָראויסזען די...אַטאָמישע באָמבע... און די נייע געפאַרן פון אַ דריטער וועלט מלחמה — אַ אַטאָמישער.

מיר גליקלעך־אומגליקלעכע וואָס האָבן איבערגעלעבט די צווייטע וועלט מלחמה און דערלעבט די נייע גליקן — די דריטע יידישע מלוכה און... די אַטאָמישע באָמבע... זיינען שוין דעריבער ניט אַזוי זיכער „צו די יידישע געשיכטע וועט אַזוי ווייטער ווי פריער פאָרטגעזעצט ווערן....

און צו זי קען שוין ווי פריער פאָרטגעזעצט ווערן.

דער אונגעהויערער טעכניש־וויסנשאַפטליכער פּראָגרעס האָט די וועלט קלענער געמאַכט; און אויך דער גרויסער גלות, די דיאַספּאָרא, איז שטאַרק איינגעשרומפּן געוואָרן: מיר קענען שוין ניט רעדן און האָפן אויף טראַדיציאָנעלער און כאַראַקטעריסטישער „גלות פּאָליטיק" פון רוח והצלה יעמוד במקום אחר: די זעלבע איבלען און פּראָבלעמען — גייסטיקע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע — שטייען איצט פאַר די גרויסע און קליינע יידישע קהילות איבער



דער גרויסער וועלט. די זעלבע פּראָבלעמען און סימפּטאָמען פון אַסימילאַציע און אַנטיסעמיטיזם; דער זעלבער קריזיס אין דער יידישער קולטור און פאָלקס שפּראַך, און אין דער דיאַספּאָרא יידישקייט ווי עס זאָל ניט פאַרשטאַנען ווערן איבעראַל.

די באַנען, ים שיפן און דער עראָפּלאַן ברענגט די פּראָבלעמען איבעראַל און פאָדערט די זעלביקע איינציקע לייזונג וואָס איז נאָך ניט געפונען געוואָרן.

דאָס איז ערשטנס. און צווייטנס, האָט די דיאַספּאָרא, דער גלות אין דער צווייטער וועלט מלחמה געקראָגן אַ טויט קלאַפּ, וואָס חגם מיר קענען נאָך ניט פילן אַלע זיינע שוידערליכע פאָלגן און עפעקטן, האָט ער אָבער שוין איינגעקאָרבט טיפע ענדערונגען אין דער פּסיכיק און מענטאַליטעט פון דער שארית הפּליטה, צו וועלכע מיר אַלע, ד"ה געבליבענע פאַר מיליאָן פאָלקישע און נאַציאָנאַלע יידן אין דער דיאַספּאָרא. באַלאַנגען; און דאָס פאַרנעפּיל און פאַרבאַוואוסטזיין אַז די יידישע געשיכטע קען שוין ווי פריער ניט פאָרטגעזעצט ווערן....

ועל כולם: דער צוויי טויזנט יעריקער נאַציאָנאַל פאָלקישער גלות־שליסט זיך איצט אָפּ מיט אונזערע לעצטע האָפנונגען אויף דער דריטער יידישער מלוכה....

די דריטע יידישע מלוכה אויף וועלכער אונזער פאָלק האָט ניט אויפגעהערט צו האָפן אין דער לאַנגער גלות געשיכטע פונם חורבן בית שני און ווערט געבוירן אינם אַטאָמישן צייט־אַלטער. וואָס פאַרא אַטעם פאַרכאַפּענדיקע פּערספּעקטיוון און אויסזיכטן עפענט שוין דער פאַקט אַליין: די שווערע, ערשטע ווייען פון דער דריטער יידישער מלוכה אין דעם אָנפאַנג פון דעם אַטאָמישן צייט אַלטער. וואָס פאַרא פאַרהוילענע האָריזאָנטן וואַרטן זיך צו עפענען פאַר אונזער פאָלק, פאַר אַלע פעלקער פאַר דעם גאַנצן מענטשלעכן מין.

קען שוין די אַלטע יידישע געשיכטע פאָרטגעזעצט ווערן אויף איר אַלטן וועג, אַזוי ווי פריער? די יידישע געשיכטע איז איצט אויפן בראָך־שטול: אַ נייע, גאָר אַנדערע יידישע געשיכטע וועט אָנהויבן געשריבן ווערן, ווי נייע פעלקער־געשיכטעס בכלל....אויב זיי ווילן און וועלן בלייבן לעבן.

**מאַנגל אין פלאַץ.** — די קולטור ידיעות, דאָס אַרטיקל פון נ. מ. סירא איבער לעאָ קעניג, און איבער די אויסשטעלונג פון אַרטשיבאַלד ציגלער — אין קומענדיקן נומער.

**ליטעראַרישער אָוונט אין לידז.** — דער דיכטער משה עובד און דער רעציטאַטאָר נעט רובין פאָרן נאָך דעם 20־טן מערץ אויף אַ ליטעראַרישער לעקציע.

משה עובר

# סודות פון חדר

(אגדות און פירושים צום בוך „אין חדר אריין“)

## א.

## די מלאכים'ס באשטייערונג

ווען די מלאכים האבן צוגעקוקט ווי דער בורא עולם נעמט א ברעזעלע, א פינקעלע, א טראפעלע שיריים פון אלץ און אלעם אפילו פון בעסטן געליי־טערטסן און פארפאלקאמסטן צו שאפן אדם־הראשונען — האבן זיי זיך גארנישט וויסן געמאכט. נאר ווען כביכול האט געפאדערט, אז זיי, די מלאכים, זאלן אויך פון זייער אייגן ווען באשטייערן צו דער יצירה פון מענטש איז געווארן א גרויסע מהומה און א מורמלונג צווישן זיי:

— סטייטש רבונו דעלמא כולא, ווען דאך נישט אונז אויסנוצן צו שאפן דאס מענטשלעכע מין! און אויב יא, טא ווער וועט טאן אונזער שליחות?

—חלילה וחס! האט דער רבונו של עולם זיי געענטפערט. ווער רעדט פון „אויסנוצן“. איך פאדער נאר פון אייך בלויז איינמאל אייער קליינעם ביי־שטייערן להבא וועט דער מענטש שוין אליין זיך שאפן און איבערשאפן, און אייך צוריקצאלן כפל כפלים. איר וועט זיך קענען רוען ווי, להבדיל, ערדישע מלכים און די מענטשן וועלן טאן אייער שליחות. זיי וועלן אייך צוריקצאלן:

פאר יעדער פעדער — א פליגל;
פאר יעדן שמייכל — א שפיגל;
פאר יעדן לאך — א קייך;
פאר יעדער טרער — א טייך;

ווען די מלאכים האבן דאס דערהערט, האבן זיי איינגעוויליגט פון זייער ווען בייצושטייערן. און די מלאכים'ס שכר איז טאקע גאר גרויס, ווייל וואס א דור טוען די מענטשן אלץ מער די ארבעט וואס מלאכים פלעגן טאן אין קדמונישע צייטן. דער מלאך־המות קען זיך שוין אין גאנצן פארלאזן אויף דעם מענטש, דער מלאך־החיים וועט אויך באלד אפילו נית דארפן אריינ־שטעקן א האנט אין קאלט וואסער.

## ב.

## דאנקבארקייט

„אדם האט זיך איינמאל ביים בערדל
געגעבן א קראץ,
און צוויי מאל געשפרונגען פאר פרייד:
„מיאו“ וועל איך רופן די קאץ“.
(„אין חדר אריין“ ז. 92)



אדם נאמען־געבער האט ענדלעך גערופן, דאס קעצעלע „מיאו“. נישט נאר ווייל די ראשי־תיבות פון „מיאו“ זיינען: „מי יסלח אדם וחוה“ נאר אויך מחמת די גימטריא פון „מיאו“ איז זיבן און פופציג און „זן“ באטרעפט אויך זיבן און פופציג. און געשפייזט האט אדם די קעצעלעך מיטן פריישסטן שמאנט, כיד המלך!

ווי יעדער קארגער בעל־דקדוק, האט ער אליין זיך בענוגנט מיט ברויט און ציבעלעס, הארטע אייער און קנאבל, אבער פאר די קעצעלעך — נאר פון בעסטן פון אויבערשטן פון שטויסל. דעריבער זיינען זיי אים געווען אזוי טריי ביזן סוף און אים געלערנט חכמה, טעם און חן, אים געהאלפן מיט־בענקען און מיט־יאמערן און אים ענדלעך געפונען זיין פארלוירענע חוה.

וואלט אבער אדם געשפייזט די קעצעלעך מיט פסולת מיט א שהיה פיה, וואלטן זיי אויסגעגאנגען לתרבות רעה, זולל־וסובא'ניקעס וואלט פון זיי, חלילה געווארן, גנבים עכברושים! און ווער ווייס וואס עס וואלט געווען דער סוף פון ראמאנס צווישן אדם און חוהן; דער גאנצער „נייער בראשית“ וואלט געמוזט האבן לחלוטין אן אנדער פנים.

## ג.

## שמאנט

אויף דעם וואס דער שכל הישר פרעגט: פון וואנען האט אדם גענומען אזויפיל שמאנט פאר די קעצעלעך. ענטפערט דער בעל־הגדה — איינס און צוויי — אזוי:

אדם האט געהאט א קוה, איז זי געבעך געווען אן עקרה. אדם האט אזוי צוגעקוקט ווי זי קארטשעט זיך אין ווייען, נאך מער ווי א געווינערין, האט עס אים אויך ווי געטאן און יעדעס מאל זי האט אירע אויגן אויפגעהויבן צו די הימלען און געמורמלט „מה“ האט אדם געמיינט, אז דאס באשולדיגט זי אים, ווייל „מה“ און אדם באטרעפן צוגלייך 45. און ווען אדם האט געזען, אז אירע אלע תפילות העלפן נית און זיינע אויך נים. איז ער אהין צום אחרית־הימים און איר געבראכט דעם שור הבור און אין פארלויף פון איין נאכט האט זי זיך צו מזל געקעלבט מיט א נפשל, רויט ווי די פרה־האדומה און גוט ווי א ווייסע טויב.

ווען די בהמה איז געלעגן אין קימפעט, האט אדם איר געבראכט פון גן־עדן וואסער און גראז, און ארומגעהאנגען די ווענט פון שטאל מיט צוויי־געלעך, און פון די צווייגעלעך ארוים האבן פייגעלעך געזונגען די שיר המעלות.

פון גרויס נחת האבן זיך די קוה־אייטערס אנגעגאסן מיט שטראמען שמאנט, גענוג פאר אדם'ן און פאר זיינע קעצעלעך — עד סוף כל הדורות.

די היסטארישע מאטעריאליסטן שטעלן זיך דא אפ און פרעגן פארוואס שוימען אפ דעם גרעסטן חלק שמאנט די 400 אמעריקאנער מיליאנערן? אויף דעם ענטפערן די בעלי־גמטריא: די 400 מיליאנערן כאפן זיך צו צום שמאנט, מחמת שמאנט באטרעפט אויך 400.

## ד.

## ר׳ שמחה בר בר חדוה׳ס קלימפערלעך

אויף דער וועלט איז שמחה בר בר חדוה געווען א שמיר. ער האט אויף דער קאוואדלע פון אונזער גלאבוס אויסגעשמידט קלימפערלעך פאר יתומים׳ס ווינעלעך, מיט די העמערלעך פון זיין פריילעכן הארצקלאפּ האט ער זיי אויסגעשמידט. און געקלונגען האבן זיי גאר גינגאלדיק. און וואס אלע אלקעמיסטן אין דער געשיכטע האבן מיט זייער וויסן נישט דערגרייכט האט ר׳ שמחה בר בר חדוה מיט זיין פריידט דערגרייכט. די קלאנגען פון די קלימפערלעך אויף די ווינעלעך פון די יתומים, זיינען געווען אזוי זיס ווי א מאמעס וויג־ליד. א גאנצע נאכט האבן זיי שטיל באגלייט דעם קינדער חלום. און פונקט צו דער ריכטיקער צייט האבן זיי אויפגעוועקט ס׳קינד, און נעקלונגען רעש׳יג, ביז א רחמנותדיקע האנד איז נעקומען און געטאן פארן קינדס באדערפעניש אלע באקוועמלעכקייטן.

## ה.

## יאשעק קוימענקערער

### זיין עליה און ירידה

יאשיקס הייזעלע איז געשטאנען אויף א בערגעלע אין מיטן שטעטעלע. עס איז געווען זיין הר־המצפה.

פון דארט פלעגט ער אויסקוקן אויף זיינע קוימנס, ווי אן אדמיראל אויף זיין פלאטע. אונטער־צייט ווען ער האט זיך אומגעקערט אהיים, זיין פנים שווארץ ווי א מזבח־קויל, אויף דעם אקסל די שטריק פון זיין עבודה, מיטן לאנגנבעזעם אין זיין לינקער האנט און מיט ברענענדיקע קטורת אין קוימן־לעכל פון זיין פיפקעלע, האט ער אויסגעזען ווי א כהן־גדול אין זיין ארינטא־לער פראכט.

יאשעק פלעגט ליב האבן ס׳לעבן קאנארעקלעך און זייער געזאנג. און זיי וואלטן ניט גענומען קיין געבראטענס פאר אים! ווייל יאשעק האט קיין־מאל ניט אריינגעזעצט א קאנארעקל אין א שטייג. „די וועלט איז זייער שטייג" איז געווען זיין שפריכווארט. און די קאנארעקלעך פלעגן קומען צו אים יעדן אונט נאך זיין טאג ארבעט און אויסזינגען פאר אים זייער שענסטע זמירות.

---

אבער ווען יאשעק האט אוועקגעשמיסן קוימענקערעריי און גענומען לויבן דעם באשעפער און זינגען הימנען אין א גבעטס־הויז אין דער צייט, ווען ססטעטל האט געסוואנזשעט, געראוויכערט און געברענט זיינען די פייגעלעך שוין מער ניט געקומען צו אים. „ניין", האבן זיי געשאקלט מיט די קעפעלעך פארבייפליענדיק. מיר קענען מער פאר דיר ניט זינגען. דו האסט פארשלאסן דיין נשמה אין א געבעט־הויז, ווי א פייגעלע אין א שטייג, קענסטו פון אונ־זער פריי געזאנג ניט מער געניסן. מוסרן קענען מיר דיך אבער זינגען פאר דיר ניין! דאס קענען מיר ניט.



דערפון האבן זיינע תלמידים געדרונגען, אז די גאנצע וועלט איז א חדר, יעדער בארג א שטענדער, און אומעטום קען מען לערנען תורה.

דער בעלפער האט מיט זיי געלערנט אז דער וואס איז עוסק אין וועלט־גאטס וועלט־תורה איז אזוי גוט ווי ער וואלט מקיים געווען אלע תרי״ג מצוות. פון וואנען איז דאס געדרונגען?

— פון דעם וואס בתורה גמטריא תרי״ג.

## ו.

## ווען גדליה איז געווארן א סופר בישראל

ווען גדליה גאלד־סוחר האט אוועקגעווארפן זיין מסחר און זיך גענומען צו שרייבעריי, צו ווערן א סופר בישראל, פאר וועלכן ער האט ניט געהאט דעם ניצוץ ה׳, דערציילט די לעגענדע, האבן די כרובים אין משכן אראפגע־לאזט די קעפ, זייער גאלדן פייער האט זיך אויסגעלאשן, זיי זיינען געווארן טויט־בלאס, און אזוי האט עס געדויערט דרייסיג טעג און דרייסיג נעכט.

באמבלדיקע אויערינגלעך זיינען געווארן שטייף, קלימפערדיקע — שטיל, און חופה וקידושין רינגעלעך האבן זיך אריבערגעגליטשט פון איינגעשלאפענע פינגער און זיך באהאלטן דארט וואו אפילו א וואך אויג קען זיי אויך שוין מער נישט געפינען.

שלמה המלך׳ס הייסער חתימה־רינג איז געווארן אייז־קאלט. דאפון האט שלמה המלך געקריגן א פארקילונג אזש אין די ווארעמסטע ביינער, און דאס האט פאראורזאכט זיין שרייבן דעם קריסטאל־קילן, אייז־קאלטן קהלת. טויזנט ווייבער און קעפסווייבער האבן אים שוין נישט געקאנט דערווארעמען.

אויך דאס שרייב־פאפיר האט פון גדליה׳ן גאר קיין נחת געהאט. ווייל פאר דעם טינט פון דעם מענטש וואס האט דעם שרייבערישן ניצוץ, דורשט דאס פאפיר און נאגט אין זיך אריין טיף יעדן טראפן. אבער גדליה׳ס האנט האט דאס פאפיר פון זיך אפגעשטויסן און עקלדיק אויסגעשפיגן דעם טינט.

אט אויף דעם קלאגט דער פסוק. ער קלאגט „אין חדר אריין" אויף זייטל 115.

„גדליהן פאסט נישט צו זיין א סוחר,
אונשטערבלעכקייט, ווי כביכל, ברויך ער."

## ז.

## פאר וואס עפעס בעלפער?

די וועלט פרעגט א קשיא: פארוואס עפעס בעלפער? פארוואס ניט מלמד, דיין, ראש ישיבה אדער רבי? און פארוואס טאקע נישט לערער? עס קלינגט דאך אייראפעאישער און שענער.

איז דער תירוץ אזוי: ער זאָל לעבן, איז געווען אַ גרויסער עניו. סהייסט אַן עניו? — מ'דערציילט פון אים, אַז איינמאָל גייענדיק מיט אַ תלמיד וואָס האָט אים גערופן „רבי“, האָט ער אויסגערופן: ווי איז צו מיר אַז איך דאַרף נאָך אָנצינדן לאַמטערנעלעך פון צירונג כדי עס זאָל אין מענטשנס אויגן שיינען, ערשט קלינגען מיט גראַמען, אויערן זאָלן הערן און אויפוועקן הערצער. לכן בעטן, בעט איך דיך, רוף מיך ניט מער „רבי“, רוף מיך „בעלפער“.

אויף דאַרויף שטעלן זיך אַפּ אַלע מפרשים און פרעגן: „אויב ער איז טאַקע אַזאַ עניו ווי ער פרעטענדירט, טאָ פאַרוואָס רופט ער זיך „אין חדר אַריין“ אויף 123 זייטל, „ז ײ ן בעלפער“. איז דער תירוץ ווייל נאָר אַן עניו קען ווערן ז ײ ן בעלפער.

## ח.

## דער שם המפורש

אין חדר־של־מעלה זיינען געזעסן אַ מחנה מלאכים, ביי דער אָפענער טיר פון לבנה־אויוון. נאָך אַ טאָג אַרומפליהען האָבן זיי זיך אַביסל אויסגערוט די פליגל און זיך דערוואַרעמט, בפרט מיט דערציילן נסים ונפלאות פון אונזער וועלטעלע.

דערציילט דער ווייסער מלאך רפאל:

— היינט גאַנץ פרי האָבן זיך צוויי פּלאַנעטן באַגעגנט אויף זייער טעגלעכער נסיעה און ווי דערשטייגער איז, זיך באַגריסט. דאָס מאָל האָבן זיי זיך אָבער אַזוי העפלעך באַגריסט און זיך אַזוי טיף פאַבויגן, אַז זיי האָבן זיך די שטערן צו מזק'ט, אַזש בלוט האָט גערונען! האָב איך זיי באַנדאַזשירט די קעפּ מיט אַזעלכע גרויסע, דיקע ברייטע וואָלקנס, אַז עס האָט זיי ממש די אויגן פאַרשטעלט. דאָך — פּלאי פּלאים! בלינדערהייט זיינען זיי דער־גאַנגען דעם וועג און אָנגעקומען צו זייער ציל פונקט צו דער צייט.

האָבן סקעפּטישע שטיפערישע מלאכים געשפּאָט: — אַזוי בלינדערהייט. ביזטו רפאלשע זיכער אַז דו האָסט נישט איבערגעלאָזט אַן אָפּן ווינקעלע, אַ שפּאַרקעלע. אַוואַ. אַוואַ. אַלץ הייסט אַ נס!

רופט זיך אָן דער שוואַרצער מלאך חלומיאל:

— איך וועל איך דערציילן עפּעס שענערס: איינמאָל מיט ביליאָ־ביליאָ־נען העריך־קלעפּ צוריק — אַזוי שוועבנדיק חצות־צייט איבער דעם שוואַרצן פּרוכת פון דער ערד אַלע שטערן זיינען יענער נאַכט געווען באַהאַלטן אין די נעסטן האָב איך זיך געגעבן אַ האַסטיק לאָז אַראָפּ און אַריינגערונגען אין טיפן שלאָף פון אַ מענטשן מיט דעם נאָמען אברהם. אויף מיינע פליגלען האָב איך פאַר אברהם'ן געבראַכט די זון אויפן הר הכרמל, אַ גאָלדענער אתרוג, וואָס קוקט אַרויס פון אַ שמאַראַגן פושקעלע.

און מיט דעם חלום האָט אברהם שוין אויסגעלעבט זיינע יאָרן, און עס איז אים נאָך געבליבן גענוג חלום צו מאַכן אַרבן זיינע קינדער און קינדס קינדער. און דער חלום איז נאָך פריש היינט ווי אין יענער נאַכט, און וועפּט זיך קיינמאָל נישט אויס.



— טאַקע אַן אמת? האָבן די מלאכים געפרעגט. האָט זיך דער מלאך תלימיאל געבייזערט: וואָס פרעגט איר צי אמת? אייערע מעשים קענען זיין ליגנדס, אָבער מיינע חלומות זיינען אייביק, אמתע!

— אַזוי גאָר?!

— יאָ, וואָס דען, אַנדערש גאָר?!

מאַכט דער רויטער מלאך, דער מלאך היצירה!

— נישט אייביק זיינען מעשים ליגענד! הערט מיך אויס:

— איך האָב געקאָנט אַ מיידעלע אַן אמתע יפת תואר ויפת מראה, אַן איידעלע צאַרטע לילע! האָב איך זי באַהאַפטן מיט אַ זכר, גראָדע ניט קיין גרויסע בריה! און דאָך און ניין קאָזשעלקעס וואָס אַט די לבנה מאַכט, איז אַרויס פון איר טראַכט. אַ אינגעלע, העלדיש ווי גבריאל! און אַלע ניין חדשים האָבן זיך געשאַטן מיידעלעך אַלע שיין ווי ניין לבנות!

הויבן די מלאכים אויף זייערע באַפלינלטע אַקסלען:

— מיר ריידן דאָ פון נסים ניט פון חידות.

ענטפערט זיי דער מלאך היצירה:

איך האָב איך ניט דערציילט, ניט פון נסים און ניט פון חידות, נאָר פון וואָרהאַפטיקן לעבן אויף דעם מענטשלעכן פּלאַנעט פון מעשים. און דאָס זיינען מעשים וואָס טרעפן בכל יום ויום ובכל רגע ורגע.

— מיר קענען אָבער דאָס ניט משיג זיין האָסטו דאַרויף עדות?

— יאָ — ענטפערט ער — דעם באַגליובסטן עדות האָב איך, עס איז כביכול בכבודו ובעצמו. זעט!! קוקט אַריין אין לבנה אויוון. ע ר טרעט ניט אָפּ קיין רגע, דאָס באַגריסט ע ר יעדע נייגעבוירן נפשל. זעט ווי ז ײ ן פנים איז באַלויכטן מיט ערשטוינונג און באַוואונדערונג. די מלאכים קוקן אַריין אין לבנה אויוון און פרעגן:

— אָבער פון וואַנען ווייסטו אַז עס איז כביכל אַליין?

— פון וואַנען איך וויים, פרעגט איר? קוקט גוט וועט איר זען אַז אויף דעם צלם אלקים איז אויפגעשריבן זיין הייליקער נאָמען. זיין שפּיץ־נאָז איז אַ י, זיין מויל אַ ו, און זיינע צוויי אויגן זיינען די צוויי ה'ן פון שם המפורש.

— אויב אַזוי — האָבן די מלאכים געזאָגט מיט איין קול — רוט דאָך דער שם־המפורש אויף דעם פנים פון יעדן מענטשן־קינד, און אויף דעם פנים פון יעדן באַשעפעניש!

— יאָ, אמת, אַזוי איז עס טאַקע. דעריבער איז יעדער מענטש און יעדעס באַשעפעניש אַזוי נעאַכטעט און געאַכפּערט אין זיינע ה'־ליקע אויגן.

האָבן זיך אַלע מלאכים אויפגעהויבן פון זייערע ערטער, זיך געבוקט כורעים צום בורא עולם, צו די מענטשן־קינדער און צו אַלע באַשעפענישן אויף דעם ערדישן פּלאַנעט.

## אברהם ציקערט

# דער טויט און דאס יידישע לשון

פאר פראפעסאר הערש

הע, בחור רייס אפ דיינע יארן,
ביסט נענוג שוין געווארן גענארט;
דרייסט דיך שטענדיק צווישן שניי און קארן
און אין פענצטער דער טויט שטייט און ווארט!

נו איז וואס, אז דער טויט ווארט אין פענצטער
מיט קנאכיק פארבלוטיקטע הענט? —
כ'האב געזען אים אין טויזנט געשפענצטער
און אויך דעמאלט — ר'האט מיך נישט דערקענט...
זאל ער ווארטן, כ'האב צייט נאך צו קומען,
דאס לעבן קלאפט איצט אין מיין טיר;
כ'האב א האנט־פול דערפון אנגענומען
זאל עס אויפגיין און לייכטן אין מיר!

הערסט ניט ווינט רייסט און קלאפט אין די שויבן?....
א דונער א, זע ס'האט דער בליצט,
ס'טראגט דער הימל דיר אן שווארצע טויבן —
צו וואס זאלסטו ווארטן? קום איצט!

כ'קען ניט קומען, מען האט מיר באפוילן
אנגעזאגט מיר גאנץ דייטלעך און קלאר,
אז פאר יענע פון ליטע און פוילן
איז דער חוב אויפצובויען א דור.
וואס איז הימל און וואס שווארצע טרויבן,
כ'וויל ניט שטארבן אינגאנצן גענארט,
כ'לערן ווידער אין מענטשן צו גלויבן — — —
נו איז וואס, אז דער טויט אויף מיר ווארט!

קום אהער, אין געוועב פון די שפינען,
צווישן דערנער וועסט ווערן א בלום,
יידיש ווארט לעשט זיך אויס, ווערט צערינען,
טא וואס בלייבט נאך איבריק דיר? — קום!



יידיש ווארט ווערט צערינען? און אפילו,
יידיש ליכט, האט אין מיר ערשט דערבליצט,
ס'ווארט דאס לעצטע געזאנג נאך אויף גאולה,
אויב ניט אויפגיין, ס'פארגייט נאך ניט איצט.
יידיש ווארט ברענגט אונז אלע צוזאמען,
ס'ווערט אין שעהן פון גרויסקייט באוואוסט
אז אין ערשטע דערנערונג ביי מאמען
האב איך דיך אויך געזויגן פון ברוסט.
ווארט זשע טויט, ווארט נאך צו אויף מיין וועזן,
זיי נעדולדיקט, עס דויערט נאך לאנג —
ס'איז מיין ערשט ווארט אין יידיש געוועזן
און מיין לעבן — אין יידיש געזאנג.

## ש. ערנסט

# שטויביגע פליטערלעך פון דער הייליקער שטאדט פון די יידישע מקובלים — צפת

פון ר' מאיר טויבנהויז'ס נסיעה איבער פוילישע שטעדט

ריין איז געווען דער הימל בעת איך בין אנגעקומען אין דער הייליקער שטאדט פון די יידישע מקובלים צפת. און ס'איז גוט געווען וואס איך בין אנגעקומען אין שטאדט אריין אין אוונט.

אז מען קומט אין א שטאדט אריין, וואו מען זוכט נישט דאס היינטיקע לעבן, נאר די ליכטיקע עראינערונגען פון אלטע פארגאנגענע טעג, איז דאס בעסטע זי צו זען ביינאכט ווען דער „היינט" שלאפט, און דער „נעכטן" שלייכט זיך ארויס פון זיין פארגאנגענהייט.

די נאכט איז געווען א הערלעכע, א זילבער־נאכט, ווי מען זעט זי אין מזרח. ברייט און ליכטיק האבן געשיינט די שטערן. די שטאדט צפת האט זיך גיגאנטיש צושפרייט צווישן די בערג פון כנען, וואס קלאמערן איר ארום אין אלע זייטן.

שטיל איז געווען ארום און מען האט געקענט הערן דעם טרויעריקן נעזאנג פון די כוואליעס פון דעם כנרת־ים און פונם ירדן. מען האט געקענט זען מיט די אייגענע אויגן ווי דער אלטער קעניג חרמון, דער זקן פון די בערג שפינט דא צווישן די בערג פון גליל דעם חלום פון דעם אייביקן גאנג.

איך האב אומגעוואנדערט א פארחלום'טער אזוי איבער די שמאלע געסלעך, וואו ס'פלעגן דא אמאל ארומשפאצירן אונזערע גרויסע מקובלים. איך האב געזוכט צו כאפן שמועסן מיט עלטערע מענטשן און איך האב באמערקט אז מען קוקט אויף מיר מיט חשד. מ'וויל מיר נישט דערציילן און

מען טרויט מיר נישט. נאָר ביסלעכווייז איז אביסל פארשוואונדן דער חשד און דאָ און דאָרט האָט מען מיר אָנגעוויזן ווינקעלעך וואָס ענטהאַלטן עפּעס וואָס קאָן פאַרכאַפּן.

איינע פון די מערקווירדיקסטע זאַכן וואָס מען האָט מיר געוויזן אין צפת איז דער מוזיי פון ר' מאיר טויבענהויז. דער פּאָטער פון די באַרימטע געלערנטע פּראָפעסאָרן טויבענהויז, וואָס שמ'ן איבער דער וועלט פון דער וויסנשאַפט. מען פירט מיר אַריין אין דעם „חדר מוזיי". דאָס איז אַ באַזונדער חדר וואו די גרויסע פּראָפעסאָרן זיינען אויפגעוואַקסן. צפת האָט מיט וואָס צו שטאָלצירן, ווייל זיי האָבן ווירקלעך גרויס געמאַכט איבער דער וועלט די שטאָדט פון די מקובלים. איר זעט דאָ אייניקע כתבי־יד, אייניקע הענג־לייכטער מנורות, בשמים ביקסן, אתרוגים, טעלער וואָס זיינען נאָך פון ר' מאיר'ל פּרעמישלאַנער, דער גרויסער צדיק און פאָלקס־רבי פון גאַליציען, וואָס זיין אייניקל הרב ר' מאיר'ל טויבענהויז, וואָס האָט געטראָגן זיין נאָמען, האָט אָפּגעהיטן און געלאָזן נאָך זיך. זיין לעבנס געשיכטע איז פאַרבונדן מיט די ליכטיקסטע עראינערונגען ביי אַלע צפת'ער יידן און זיי רייד'ן פון אים מיט גרויס יראת־הכבוד. יעדער איינער ווייס וועגן אים עפּעס צו דערציילן און פון די פאַרשידענע דערציילונגען שאַפט זיך דאָס לעבנס־בילד פון אַ מענטש, וואָס זיין לעבן איז געווען אַ שיינע לעגענדע. און זיין ביאָגראַפיע לייענט זיך ווי אַ צויבער מעשה'לע פון טויזנט און איין נאַכט געפאַרבט מיט'ן פרומען נוסח פון צפת'ער יידן.

## אין אַ שיינעם פרילינג אוונט

דער אָנהויב פון דער געשיכטע איז געווען אין אַ שיינעם פרילינג אָוונט. אַ ליכטיקע לבנה האָט אויפגעשיינט איבער דער שטאָדט צפת און נישט איבערגעלאָזט קיין איין ווינקל אָן שיין. גאָלדענע ליוסטרעס האָבן זיך אַרום איר געשפּיגעלט בעת אַ ירושלים'ער מקובל האָט אָנגעקלאַפּט אין דער וואוינונג ביי ר' מאיר טויבענהויז. ס'האָט אַ ווייע געטאָן מיט אַ ווינט און אין טיר איז שטיין געבליבן אַ הויכער מאַן, אָנגעטאָן אין אַ קאַלירטן קאַפּטאַן; דער גאַסט איז גלייך צוגעגאַנגען צו ר' מאיר'ן, דערלאַנגט אים די האַנט, געוואָרפן זיך פריידיק אים אויפ'ן האַלז און אַ קוש געטאָן מיט קאַלטע געפרוירענע ליפּן זיין באָרד. ר' מאיר איז תחילת געווען ווי צומישט פון אומדערוואַרטן גאַסט, באַלד אָבער האָט ער זיך דערפרייט צו זען דעם ירושלים'ער מקובל ר' שמעון צבי הורוויץ, וואָס איז אַקאַרשט צוריקגעקומען פון זיין לאַנגער רייזע אין ווייטע לענדער אויפצוזוכן די עשרת השבטים.

— ר' מאיר — האָט זיך דער ירושלים'ער מקובל געווענדעט צו טויבענהויז'ן. — איר זעט איצט ווי די טומאה אומקרייזט זיך מיט צלמים אין דער הייליקער שטאָדט צפת. די לופט איז פול מיט נאַכטיש שוואַרצע מיסיאָנערן, וואָס בלאָנקן אַרום אין די גאַסן אין דער שטאָדט פון די מקובלים. ס'איז די געצייכנטע צייט עפּעס צו טאָן כדי צו פאַרטרייבן פון דאָנען די מיסיאָנערן.



אַ טרער האָט געקוואָלן אין די אויגן פון ר' מאיר טויבענהויז בעת ער האָט געהערט די רייד פון ירושלים'ער מקובל. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט און אין דעם בלוילעכן שיין פון דער לבנה האָבן אָפּגעהילכט די ווערטער פון מקובל ווי אַ באַפעל. נאָך דעם זעלביקן אָוונט איז ער אַוועק צום ראש־הקהל און ביידע האָבן זיי באַשלאָסן אָנצונעמען אַלע מעגלעכע מיטלען כדי צו פאַרטרייבן די מיסיאָנערן פון צפת.

ר' מאיר איז שוין דעמאָלט די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן פון אויפרעגונג. אַ מידער איז ער געלעגן אין זיין בעט און ס'האָט זיך אים געדאַכט ווי ער ווערט באַוואַכט פון דעם שאָטן אויף דער וואַנט און פונם זיינער, וואָס קלאַפּט אויס די טריט פון זיין גאַנג.

ער האָט איינגעדרימלט שוין נאָענט צום שפּראָץ פון טאָג. ער האָט נאָר פאַרמאַכט די אויגן און עס האָבן זיך פאַרזייט פונאַנדער ווייס־בלוילעכע טרמאַנען אין זיין דמיון, ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי ס'רוקט זיך אָן אַ שוואַרצע נאַכט אָן שטערן און אָן לבנה, אומענדלעך אין איר טיפקייט און אָן אַ ברעג אין איר ווייטקייט.

„אור־אין־סוף" האָט זיך אים דערמאָנט פון די קבלה־ספרים, די ליכט פונם „אין סוף" איז אַזאַ ליכט וואָס מען קאָן נישט זען, וואו ס'שלינגט זיך די רוימען פונם הימל, עס לאָזט זיך אויס דער „עולם השפל" אונזערער און ס'הויבט זיך אָן אַן אַנדערע וועלט.

און אָט דאַכט זיך אים ווי עס שטערנט זיך אויס אויף אַ ווייַלע דער הימעל און אין אַ מינוט אַרום ווערט ווידער פינסטער. איבער אומזעבאַרע וועגן, איבער פעלזן פון די הרי־כנען אַרום צפת קריכן אום געשטאַלטן, אָט בלאָנזשעט אַרום דער אר"י הקדוש מיט זיינע תלמידים, ר' חיים וויטאַל און ר' ישראל סרוג, סודות'דיק בלאָנקן אַרום די מקובלים — אַלץ פּאַראַוויס, פּאַראוויס.

האַ־האַ בלאָזט דער ווינט און צובלאָזט די באָרד פונם הייליקן אר"י, ס'רייסט זיינע לאָקן די עלנטע נאַכט — פלוצים פון דער ווייטער מירון, פון דעם קבר פון ר' שמעון בן יוחאי ברענט אַרויס אַ פייער מיט אַ קליינעם פלאַם, אין באַלד שיינט אויף אויפ'ן הימעל אַ שמייכלדיקע לבנה, טוליעט זיך אַזוי און בלינצעט אום אין סאַמעט — תכלת'נעם געשפּין.

בלענדענדיק שיין האָט אויסגעזען נאָט'ס וועלט בעת ר' מאיר איז אין דער פרי אויפגעשטאַנען, ער איז געווען פריילעך און אויפגעראַמט פונ'ם חלום, אַ שטאָלצער האָט ער אַ שפּרייז געטאָן אין בית המדרש אַריין פון אר"י הקדוש. דער וועג זיינער איז שוין פאַר אים געווען קלאָר, דרייסט האָט ער באַשלאָסן אָנצוהויבן אַ העפטיקן קאַמף מיט די מיסיאָנערן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין צפת.

דער דאָזיקער באַשלוס האָט אים אַריינגעגעבן אַ דערמונטערונג. דער גורל זיינער איז שוין פון דעמאָלט געווען אַ פאַרחתמ'טער. ער פירט אַ מלחמה פון לעבן און טויט מיט די מיסיאָנערן אין ארץ ישראל.

**איז נע ונד און וואנדערט אום איבער יידישע שטעדט אין אייראפע**

ווי בלעטער אויפ'ן ווינט אן א סדר לויפן דאן פאר די אויגן יארן פון **וואנדערונגן** איבער יידישע שטעדטלעך אין רוסלאנד, פוילן און גאליציען. די שיף שניידט זיך דורך די וויגנדע ים'ן און מיט'ן וואנדער־שטעקן אין האנט וואנדערט ער אום איבער פארשיידענע לענדער.

ער פילט זיך זער פרעמד אין אייראפא. צוגעוואוינט צו דער ארץ־ישראל'דיקער זון איז אים קאלט און ער פילט זיך עלנט און דערשלאגן אויף דעם וואנדער וועג. ס'דוכט אים ווי דער טאג וואקסט ארוים ווי פון דער ערד. אט פארט ער אין באן און א שווארצע שורה סילועטן פון בוימער ציען זיך איבער דעם אויפטליענדיקן האריזאנט. אין די אוונטן זילבערט די לבנה אזוי שמייכלענדיק ווי אין ארץ ישראל, זי דערמאנט אים אן די שיינע לבנה־נעכט אויפ'ן הר־כנען וואו ער פלעגט שפאצירן אין די אוונטן און חלומ'ן **אזוי שיין**.

ס'זיינען אזוי אוועק טעג, וואכן, מאנאטן. ר' מאיר פארט ארום איבער די יידישע שטעדטלעך און זאמעלט געלט פאר דער מלחמה מיט די מיסיאנערן. ער שילדערט פאר'ן עולם ווי אין סאמע מיט'ן קדושת שבת, ווען ס'איז אויסגעגאסן איבער דער הייליקער שטאדט צפת שבת'דיקע רוה צוגיסט **זיך פלוצים** איבער דער גאס פון אר"י הקדוש'ס שול א קירכן געזאנג. ער שילדערט ווי די טומאה שטארקט אין הייליקן לאנד, און דער עולם גיט אים געלט כדי מלחמה צו האלטן מיט די מיסיאנערן.

ווי א ליכטיקע בשורה איז פאר אים געווען א בריף וואס ער האט באקומען צוגעשיקט פאסט רעסטאנט פון ירושלים'ער מקובל ר' שמעון **צבי** הורוויץ. ער האט גלייך געווארפן א שנעלן בליק און דערקענט דעם מקובל'ס האנטשריפט און מיט האריק־קלאפעניש האט ער גענומען דעם בריף נענטער צו די אויגן, אים פארזיכטיק מיט צוויי פינגער באטאפט און געקוקט דורך דער שיין, ווי ער וואלט געוואלט וויסן דעם אינהאלט נאך איידער ער האט צוריסן דעם קאנווערט. ער האט באלד געעפנט דעם בריף און געלייענט די גוטע נאכריכטן פון ירושלים און פון צפת, „אז די מיסיאנערן ליידן שוין געהאקטע צרות, עס צעפלאקערט זיך ווי א שריפה דער קאמף מיט זיי אומעטום".

טויבענהויז'ס האריץ האט שטארקער אנגעהויבן צו קלאפן. אין זיינע אויגן האבן זיך געשטעלט טרערן פון פרייד, הייסט עס אז זיין ארבייט איז נישט געווען אומזיסט.

ער האט זיך אנגעהויבן א חשבון פון א קיילעכדיקן יאר וואנדערונגען איבער מדינות און איבער ים'ן און אקעאנען.

א גרינג לויטער ווינטל האט אים דעם בריף פונם מקובל שיעור נישט ארויסגעריסן פון די הענט. עפעס האט ער זיך געפילט זער נאענט און פארבונדן מיט'ן ירושלים'ער מקובל ר' שמעון'קע, זייערע הערצער זיינען געווארן מיט אמאל דורכגעדרונגען מיט זיין פארלאנג. ער לייענט ווידער אמאל



און ווידער אמאל ר' שמעון'קעס בריף, און עס דוכט זיך אים אז ער באקעמפט דעם לעצטן גינגאלד קויש פון א גוסס'דיקע תקופה. ער דערמאנט זיך זיין ערשטע באגעגעניש אין צפת מיט דעם ירושלים'ער מקובל ווי יענער האט פאר אים פונאנדערגעוויקלט די געשיכטע פון די פילע קדושים פון די שפאנישע אנוסים ווי זיי זיינען געגאנגען מיט „אחד" אויף די ליפן אויפ'ן שייטערהויפן דערפאר וואס זיי האבן נישט געוואלט איינגיין אויף קיין שום קאמפראמיסן ווען עס האט זיך זיי געשטעלט די פראגע: לעבן ווי קריסטן אדער שטארבן ווי יידן.

איצט חזר'ט זיך איבער די געשיכטע. ווידעראמאל זיינען דא קינדער אין ארץ ישראל, וואס די עלטערן שיקן זיי אין מיסיאן שולעס, אין האספיטעלער פון די מיסיאנערן און פון די מאנאשקעס. און ווידעראמאל איז נויטיק אן אפפערוויליקייט פאר קידוש־השם.

## אומגעריכטע געדאנקן

אילוזיעס האבן אפט די טבע אז זיי ווערן צורונען. אזוי איז עס געווען ביי טויבענהויז'ן, אחוץ זיין „אידעע פיקס", זיין קאמף מיט די מיסיאנערן האט ער געהאט נאך פארשידענע אילוזיעס און זיי זיינען אלע צורונען געווארן בעת ער האט זיך אנגעשטויסן אין פעלזן פון דער ווירקלעכקייט.

פראבלעמען פלעגן זיך אים באמבלען און ער האט געזוכט פאר זיי א באשייד. ער האט מיט גרויסן ניינער געזוכט. אין די פילע ביבליאטעקן פון אייראפע, די זעלטענע יקר־המציאות'ן וואס זאלן ענטהאלטן א תשובה אויף ספיקות וואס פלעגן אים עגבערן אין מוח אין צפת'ער בית־המדרש. ער האט זיך געוויגט אין זיינע מחשבות'ן און האט געזוכט אן ענטפער אויף פראגן: פונוואנען ? וואוהין ?

פונקט ווי א נאטירלעכע סטיכיע האט א „יתוש" פון ספיקות געפרעסן זיין האריץ און זיין מוח. עפעס האט געעגבערט אין זיין נשמה.

ער איז געווען, ווי ס'איז קענטיק פון אלץ וואס ער האט געשריבן אן אינטעלעקטואל, אן אינטעלעקטועלער חריף און א גריבעלדיקער גייסט.

מיט א באגאזש פון קבלה פון דער שטאדט פון די יידישע מקובלים, פון צפת, איז ער געקומען קיין אייראפע און געוואלט דא געפינען חכמה.

אוי חכמה — חכמה'ט ער זיך אין איינעם פון זיינע השתפכות הנפש'ן — ווער ווייס ווי אלט ס'איז שוין די חכמה, דער פאר־יאוש'דיקער געדאנק מיט דעם געפיל, חכמה מיט אירע אלע קנייטשן.

מיט קהלת בן דוד'ן האב איך אין ירושלים נאט געזוכט.

האנט ביי האנט. גאר נאענט איז שוין געווען צום הימעל ר' יוסף דילה ריינע, אין די אין־סופידיקע בליקן האט שוין קהלת געזאגט זיין „הבל הבלים" און וואס קאן שוין דאס פלאבע אויג געפינען אין אייראפע.

ר' מאיר באזוכט די קעניגליכע גרויסע ביבליאטעק אין ווין און ער דערזעט דעם קרייז פון באגרעניצטקייט. ער שרייבט אין זיין טאגבוך:

„וואס האב איך דען געזען דארט: ביכער, ביכער אן אן אויפהער.

שוואַרצע שורות אויף ווייס פּאַפּיר. אומעטיקע מענטשן האָבן די ראָזיקע אותיות געשריבן.

לופט, האָפנונג, ליבע — קיין סך האָב איך דערפון אין די ראָזיקע ביכער נישט געזען.

און די ראָזיקע אַלטע חכמה פון די שאָפּענהויער׳ס קאָן איך שוין פון די קבלה־ספרים פון צפת:

די וועלט איז אַ אַשאָטן טראַכט, אַזאַ אין דאָס ליכט. דאָס איז דער טאָג און דאָס: די נאַכט. שמאָל איז דער וועג אין דער מיט״.

## שבתים און יום־טובים אין די יידישע שטעטלעך פון דער אַלטער היים

טויבענהויז איבערראַשט איצט מיט זיינע טרעפליכע שילדערונגען ווי אַזוי די שבתים און די יום־טובים ווערן געפּראַוועט אין די יידישע שטעטלעך פון יידישן תחום. זייענדיק באַגאַבט מיט אַ טאַלאַנט פון אַ שרייבער האָט ער געהאַט אַ חוש פאַר דער שיינקייט פון דער יידישער טראַדיציע. ער האָט אוים געפאָרשט דאָס לעבן אין משך פון זיינע נסיעות. ער איז פול מיט באַגייסטערונג ווען ער פאַרבלאָנזשעט אין אַ קליין יידיש שטעטל אין אַ בית-המדרש אַריין.

„ס׳שמידט צו מיין בליק דאָס בית המדרש. און ווי רעדט צום האַרצן די שטאָדט לובלין, אַז דו דערמאָנסט זיך ווי דער חוזה פון לובלין האָט דאָ אַרומגעשפּאַצירט מיט זיין חבריא און ס׳גליט אויף אַ פלאַם אין האַרצן אַז מען קומט קיין פשיסכע און מען דערהערט נאָך דאָ און דאָרט אַ בת־קול פון „ייד הקדוש״, אָדער אַז מען קומט קיין ליאַדי און מען דערזעט דאָס בית המדרש, וואו ס׳פלעגט דאַווענען דער בעל ה„תניא״ מיט דבקות אַזוי פרום.

פּאָעטיש־שיין שילדערט ר׳ מאיר טויבענהויז ווי עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אים די שיינקייט פון שטעטלעך אין יידישן תחום.

„שטיל איז עס אין שטעטל, אַ זילבער נאַכט, אַ בלויע. ס׳איז אַ געשפּיל פון שטערן אין דער שטילער הויך, זיי וואַנדלען אום די כוכבים און די מזלות אין בלויען חלל, און די נאַכט רוט טיף און ערנסט, און אַלץ איז איינגעהילט אין קדושה און איז ריין. יידן גייען אינאיינעם אין אַ כאַפּטע: די לבנה זיינען זיי איצט מקדש!״

שיין שילדערט ער אויך אַ ווינטער אָוונט אין אַלט־לובלין:

„ווער ס׳איז געווען אין לובלין ווייסט וואָס דאָס הייסט אַ לובלינער זאַוויאַרכע.

אַ שטאָדט איז לובלין ווי שטערט גלייך נאָר שלוה׳דיקן שניי טרעפט איר נאָר דאָ. חלום׳ן אין לובלין, די שנייען אין די נעכט, יעדער גאַס — ווי אַ זילבערנע עטרה, לבנה־שטראַלן שפּאַצירן דאָ אַרום רחבות׳דיק. גאַנץ לובלין טוט זיך אָן צו חצות מיט אַ טלית, די הייזער שטעלן זיך אוים ווי תפילין און ווי רצועות קייקלען זיך אַזוי די שאָסייען.



אַלט־לובלין האָט אין דער צייט פון בארימטן חוזה מיט זיין חבריא אַזוי מתפלל געווען און אַזוי געזאָגט שירה צום בורא־עולם!״

שיין זיינען געווען די שבתים וואָס טויבענהויז האָט פאַרבראַכט אין די פּוילישע שטעטלעך. איז געקומען אַ פרייטאָג צו נאַכטס און די פרינצעסין לבנה איז געקומען שמייכלדיק און די יידישע הייזלעך זיינען געוואָרן פאַרווינט ווי אין אַ חלום. האָט מען איינגעלאַדן דעם גאַסט פון צפת אין די שענסטע הייזער.

און אַז ס׳איז געקומען מוצאי שבת ווען די שבת׳דיקע זון איז פאַרגאַנגען, געזונקען אין רויטלעכן שיין האָט מען אים גערופן צו די סעודה פון „מלוה מלכה״ און מען האָט אים מכבד געווען מיט זמירות און מיט ניגונים אין וועלכע ער האָט אויסגעדריקט דעם גאַנצן צער פון זיין נשמה.

ר׳ מאיר איז געווען אינטערעסאַנט אי אַלס מענטש און אי אַלס קעמפער. ער איז געווען פון די זעלטענע עקזעמפּלאַרן וואָס דער טיפּ פון יידישן „קשה עורף״ אין זיין אידעאַלסטער און שטרענגסטער פאָרם, איז ביי זיי צום העכסטן אויסדרוק געקומען. דאָס, וואָס ער האָט איינמאָל פאַר ריכטיק געהאַלטן דערפון האָט ער שוין נישט אָפּגעלאָזט. און עס קלינגט כמעט ווי אַ סימבאָל אַז זיינע אַלע זיהן האָבן גענומען אַ גרויסן אַנטייל אויף די פאַרשידענע געביטן פון דער וויסנשאַפט. די פאַמיליע טויבענהויז איז געוואָרן ווי אַ שם־דבר אין דער יידישער וועלט און ארץ ישראל.

און דער פאָטער פון די קינדער טויבענהויז ר׳ מאיר איז מיט אַ לעגענדאַרישן שלייער איינגעהילט. אַזוי פּלוצים ווי ער האָט זיך באַוויזן אַזוי פּלוצים איז ער פאַרשוואונדן.

ס׳איז שוין איצט צען יאָר ווי ער איז געשטאָרבן אין צפת. ס׳איז געווען זומער־צייט. דער טאָג איז געווען אַ וואַרימער, אַ קלאָרער. מיטאָג-צייט איז דער הימעל פּלוצים פאַרוואָלקנט געוואָרן און קעגן אונטן איז ר׳ מאיר געשטאָרבן.

## דוד באַמבערג

דער באַוואוסטער לאָנדאָנער יידישער מאָלער דוד באַמבערג האָט געגרינדעט אַ קינסטלער-גרופּע, וואָס האַלטן אָפּ חודש׳לעכע אויסשטעלונגען פון מאָדערנע קינסטלער.

יעדן דאָנערשטיק גיט באַמבערג פאַר דער פּרעסע דערקלערונגען וועגן די צילן פון דער נייער גרופּע.

Borough Group
The Bookworm Gallery,
19 Newport Court, W.C.2

**א. נ. שטענצל**

## דיין האנט...

(פאַר דיר)

1

איז עס מיין טויט שוין, וואָס גייט מיר אַנטקעגן,
אָדער די טויטע וועלכע יאָגן מיך נאָך?
איז עס אויף איינעם ביטערן לעבן,
אָדער אַלץ נאָך אויף אונזער אַלעמענס בראָך?

אָך, איך ווייס שוין נישט וואָס, איך ווייס שוין נישט ווען,
פון אַליין עס רייסט זיך פון ברוסט מיר אַרויס;
מיין האַרץ פאַרזינקט אין תהומות, פינסטערע —
אַ פאַרשלעפּטער שטיין אין רוישיקן געברויז.

2

עס ראַנגלט זיך די זון אונטער די כמאַרעס,
ביז קלאָר אויף הימל צוריק זי קומט אַרויס.
פּונקט אַזוי פון ריזיקער פינסטערער ערד,
דאָס מינדסטע גרעזל אַ גאָרנישט די גרויס;

בלויז דער מענטש איז זיין נעראַנגל, אומזיסטן.
פאַרשאַטן ער ווערט, נישט אויפצושטיין שוין מער — —
פינסטער און פרעמד, ווי פאַר פאַרהענגטן פענסטער,
הענגט מיין לעבן איבער מיר — אַ כמאַרע שווער.

3

עס פאַלט אַ שווערע פאַרהאַנג פאַר מיין פענסטער,
ביז אין מיין געביין אַריין טונקלט עס גרוי,
איבערן שפּיגל פאַרהענגט ווער אַ לייַלעך,
און איך ליג דער מת אויסגעצויגן אַזוי —

ליבט נאָר אין דעם שניי געשיט אָנצוצינדן!
ווי נאָך אַ טויטן צוויי ברעכנדיקע הענט,
קנאַקט עס מיר צוקאַפּנס, קרירהדיק אייזיק,
פון די וויינענדיקע, פייכטע ווילנאַטש ווענט.



4

זאָל נאָר נישט מיין מויל, אין פינסטערניש נערויל,
אויסגעקרימט איצט ווערן מיטן אין געבענטש,
און מיט ליפּן פאַרקניפּטע, פאַרביסענע,
אויסבלוטיקן די ביטערניש פונם מענטש.

זאָל נאָר נישט אַ בייזע לעצטע קללה איצט,
וואָס קריצט זיך פינסטער אין מיין שאַרפן געביין,
בלייבן שטיין, אַזאַ פאַרטיפטער פה־נטמן,
איבער אַ פאַרלאָזענעם מצבה־שטיין.

5

יאָגט דאָס לעבן מיך מיט רציחה פון זיך,
צי לויף איך מיט צעפּלייטן דערפון אַוועק?
וואָס מישטיינסנעזאָגט דער גרויסער חילוק שוין,
אַז סיי ווי סיי דערינען קיין טיפער צוועק — — —

פון די קאַלטע קרירה צווישן מענטש און מענטש
פעראייזיקט יערעס האַרץ ווי פעלזיק געשטיין,
זון־רינענדיקע קוועלעלעך אין שפּאַלטן —
צווישן מצבות ס'מענטשלעכע געוויין —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

6

און אַז איך וועל היי־יאָר זון נישט מער זען
ווי צעשפּינגלען זי וועט אויף מיין ווילנאַטש וואַנט,
וועל איך זי אויף בערגעלע ערד איבער מיר
שפּירן אַ וואַרעמע גלעטנדיקע האַנט.

און נישט אויף אַ ווייל, פאַרשווינדיק פאַרביי,
אַ ציטערדיקער פאַרשטויבטער דינער שיין —
אַ גאַנצן טאָג, אַ קיילעכדיקע, גרויסע,
וועט זי צוקאַפּנס אַ שיינענדיקע שטיין!

7

און אויב איך האַלט נאָך די אויגן אָצינר אויף,
עס איז אַ זון־טראָפּן וואָס קרייזט נאָך אין מיר,
און אויב איך טראַכט נאָך מיט נוטסקייט פונם מענטש,
איז עס דער בלאַסער נערעכעניש פון דיר — —

א שווימנדיקער אייל־טראָפּן אויף וואסער
טיקט זיך אין מיין מוח נאָך א לעצטער געדאַנק.
און איבער דעם אייל־טראָפּ א טונקל פלעמל —
א לעשנדיק קנייטל טוט א לעצטן צאַנק.

8

ווען דער שיף־שפּילנדיקער זונען־קוואדראַט
פאַרביי שפּיגלען וועט איבער מיין ווילגאַטש וואַנט.
אויפציטערן דעמלט וועט ליכטיק דיין האַרץ,
מיט די שורות באַוועגלעכע אין דיין האַנט.

איז עס מיין טויט שוין, וואָס גייט מיר אַנטקעגן,
אָדער די טויטע וועלכע יאָגן מיך נאָך?
עס איז דיין האַנט איצט וואָס כ׳שפּיר אויף מיין האַרצן,
וואָס שטילט איין דאָרט דעם טויט־יאָגנדיקן טיאָך — — —

9

...עמעץ־ווער אין „שעפּס און וואָלף" מיט מיר געשפּילט!
און א ווילד־געהעצטער נאָך א גאַנצער נאַכט,
אין „איקס מיקס דריקס" מיך אויסגעמעקט און געשטעלט,
האָב איך צוריק מיינע אויגן אויפגעמאַכט — — —

פיבער איך נאָך אַלץ מיט גליאיקע בליקן,
אָדער נאָך וואַכן ווידער ערשט אויפגעוואַכט?
דער צעשפּיגלטער קוואדראַט, שיף איבער וואַנט,
א געקעסטלט שפּיל־ברעטל ליגט אויפגעמאַכט.

10

אז קיין צוטרויען צו קיינעם נישטאָ מער,
מיט וועמענען אויסשפּילן די לעצטע גענג?
אָן אָפּגעריבענע מטבע אין קאָן,
פאַרקייקלט די זון איבער הימלישע לענג.

עס איז דיין האַנד בלויז, וואָס מעקט מיך אין שטעלט מיך,
און ביים לעבן יעדן גאַנג ערלעך באַשווערט;
און מיינע אויסגעטרוקנטע קנאָכן נאָך,
אין דיין שפּילנדיקער האַנט,ביינדל־שפּיל ווערט.



# פיער וואַן געלדערן

## איבערן תהום פון נירוואַנאַ

(נאָטיצן פון א טאָג בוך אין די לעצטע טעג פון א שטורמיש לעבן)

שפּאַצירנדיק אינם גאָרטן פון זיינע דמיונות האָט ער זיך איינגע־קרעמפּט אין זיינע יסורים. ער האָט פאַררייבערט א פּאַפּיראָס און אזוי שלינגענדיק דעם רויך האָט ער זיך פאַרטראַכט אין זיין חשבון־הנפש.

דו באַמיהסט זיך אומזיסט צו דערגיין דעם סוד פון דיין לעבן — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט. — דעם סוד אין וועלכן דו האָסט געוואָלט די פאַרווירקליכונג פון דיינע חלומות געפינען.

און די חלומות — ווי פאַרשידן זיינען זיי געווען ביי אים.

ווען ער איז נאָך גאָר א קליינער יינגל געווען האָט זיך פאַרוואָלט אים, דעם קליינעם חיים יאיר׳לען, פון צפת צו דערגיין דעם פּלאַץ פונם גן־עדן התחתון, אזוי ווי אַמאָל דעם „מקדש מלך". ער וואָלט וועלן נאָכטאָן דעם „מקדש מלך" און אוועק אין א פרייטאָג אַרום די הרי־כנען און פון דאָרט נאָך שבת אוועק אין עבר־הירדן, אין חרן.

שפּעטער מיט יאָרן האָט ער שוין אָנגעהויבן טראַכטן וועגן מער רעאַלע דערפינדונגען אזוי ווי זיין חבר אהרן אהראנסאָן וואָס האָט געפונען דעם ווילדן ווייץ, האָט זיך אים געוואָלט עפּעס אויפטאָן אין דער וועלט פון דער־פינדונגען.

ס׳דערמאָנט זיך אים ווי ער האָט אומגעוואַנדערט צוזאַמען מיט דער געאָלאָגישע עקספּעדיציע פון בלאַנקענהאָרן, ווי זיי זיינען אַריבער פון די גרעניצן פונם מדבר און ווי די לאַנדשאַפט האָט זיך אינגאַנצן געענדערט — אויס מדבר, א פרישע גרינע זאַפטיקע באַוואַקסענע געגענט, פּאַלמען־ביי־מער. א מזל ברכה פאַר אַראַבער. אוי, ווען מען וואָלט געקענט דאָ באַזעצן רומענישע יידן אָדער יידן געליטענע פון קעשענעווער פּאָגראָם, ווי גוט וואָלט עס זיין!

חיים יאיר טויבענהויז פילט א מידקייט אין אַלע זיינע איברים, צוליב די מידקייט איז ער טאַקע געקומען צו זיין חשבון־הנפש. פאַראַן ציטן, ווען דער מענטש פאַרטראַכט זיך וועגן גורל זיינעם אין דער וועלט. ס׳איז די שפּעטערע שעה פון חשבון הנפש. דאָס פעלד, די ערד, דער הימל, אַלץ ווערט פּלוצים אויפמערקזאַמקייט, ס׳איז עפּעס א גרויסע חידה. דער גאַנצער האַק און פּאַק וואָס הייסט לעבן און ס׳פאָדערט א פּתרון.

ער ליגט אָן אויסגעצויגענער און טראַכט:

א יאָ, בן־אדם, קום און זע, ווי אזוי ס׳דרימלען אַרום אזוי פאַר׳חלומ׳ט די ביימער. ווי די לבנה אין אָוונט וואַרפט איר צערטלעכן שיין.

די פינקלדיקע שיין פון די שטערן בעת די נאַכט וואַנעלט איבער איינ־זאַמע שוועלן און לאָזט אויף יעדער שוועל א העלן שימער.

אזוי סורות'דיק האָבן צו אים דעמאָלט געװאונקן די שטערן, זײ האָבן זיך אין אַ מינוט אַרום פון אים פאַרבאַהאַלטן און אַט ליגט ער אַזױ אַרומ־געטוליעט מיט װײטאָג.

ס'האָט אים עפּעס אױפגעשטראַלט אַ שטראַל פון יענער קדושה, װאָס האָטט אַמאָל געצונדן די הערצער אין דער הײליקער שטאָט צפת בײ דער הדלקה, „לג בעומר" אין מירון אױפן קבר פון ר' שמעון בן יוחאי. ס'האָט זיך אים דערמאָנט דער התלהבות'דיקער ניגון,, װאָס האָט פאַרהילכט די הדלקה, בעת די צפת'ער ײדן האָבן אינאײנעם געזונגען און אװעק אין אַ ריקודל, זיך געהאַלטן אײנס דאָס אַנדערע בײ די הענט פאַרבונדן און זײ זײנען פאַרקניפּט געװען װי צוזאַמענגעװאַקסן אין אײן נשמה דורך דעם התלהבות'דיקן געזאַנג:

„וטהר לבנו לעבדך באמת" (רײניק אונזערע הערצער דיר צו דינען אין װאָרהאַפטיקײט).

די קדושה האָט אָבער אַ קלײנע שליטה און ס'װיגן זיך שאָטנס אַרום זײן געלעגער, ס'װאַכן אױף אים אין זכרון לאַנג פאַרגעסענע טעג, די נשמה זײנע בענקט נאָכן לאַנד, װאָס איז בערינגעלט מיט זין. עס לױכט אױף נאָך אַן עראינערונג װי ער איז געװען דער קלײנער חיים יאיר'ל, דאָס צפת'ער ײנגעלע, װאָס פאָרט אין די עשרת ימי תשובה מיט אַן אײזעלע קײן טבריא. װי ער זיצט דאָרט און שפּילט זיך בײם ים כנרת און ער קוקט אױף די כװאַ־ליעס די שטילע, דער הימל איז לױטער און בלױ איבער אים.

און אַט ליגט ער איצט פונאַנדערגעװיקלט אין יסורים. ער האָט שױן אַלע זײנע רעכנונגען אונטערגעצױגן מיט דער װעלט: גלײכגילטיק דערװאַרט ער די נירװאַנאַ. אין דער פרעמד, װײט פון ײדישן הײמלאַנד װעט ער שטאַרבן.

אַ הײסער געפיל האָט אים אַרומגענומען, אַ בענקשאַפט צום ײדישן לאַנד, װאו ער האָט פאַרבראַכט זײן יוגנט. ס'האָט אים אױך אַרומגענומען אַ בענקשאַפט צו דערגײן דעם סוד פון דער יצירה און פון האַרצן האָט זיך בײ אים צוגאָסן אַ געבעט צום בורא עולם.

אױ גאָט, װי כ'װאָלט דאָס װעלן דערגײן דעם סוד הבריאה! אָ, מײסטער פון דער װעלט, כ'האָב דאָך פאַנומען אַלע מײנע יאָרן דאָס געזאַנג פון דײנע שרפים. איך הער זיך דאָך צו נאָכאַנאַנד אין שטילער פאַרגאַפטקײט.

דאָס ליכט פון דײן אור אין סוף באַלײכט דאָך די װעלט, דער לעבעדיקער אָטעם פון דײן װעזן דערגרײכט די הימלען.

טאָג אײן, טאָג אױס, צום טױזנטסטן מאָל שױן אין קװיל פון מײנע טעג ברעכט דורך דײן ליכט, די שטײנערנע שטרױכלונגען און רײסט זיך פאַראױס.

װי גאַרט דאָס מײן נשמה זיך אָנצושליסן אין דעם װעב פון דײנע פּערים.

באַגינען, װען ס'װאַכט אױף פונם שלאָף מײן נשמה בעט איך בײ דיר,



גאָט, דײן חסר, דאָס האַנדװערק פון דײן יצירה גאָט לאָז מיר נאָך אָנקוקען אַ װײלע און שפּעטער װעל איך שױן זיצן פּנים אל פּנים מיט דיר און זינגען שירה אין דער אײביקער שטילקײט.

װאָלקנס אױף װאָלקנס הױפן אָן פון דער פינסטערניש. ער איז אַריבער אין דער ספערע פון אײביקן שװײגן, אַ פאַרבענקטער איז ער אַװעק ערגעץ און ער בלאָנזשעט. ער איז שױן טױט.

---

## י. ביאַלסקי

װערטער און מוזיק

### אַ פּורים שפּאַס?

אַ מעשה, קינדער קלײנע,
פיל הומאָר און װיץ
מיט אסתר, אָט די שײנע,
המן — אין דער שפּיץ.

כאָר: זײט, חברה ניט פאַרנאַרט.
אױף קײן נסים װאַרט.
בים: די המנ'ס באַקעמפט
מיט די אײגענע הענט!

די המנשע פאַרלאַנגען
צעשטערט — זײן בײזן פּלאַן,
מען האָט אים אױפגעהאַנגען
אין דער שטאָדט" שושן.

כאָר: זײט חברה ניט פאַרנאַרט
אױף קײן נסים װאַרט
בים: די המנ'ס באַקעמפט
מיט די אײגענע הענט!

נאָר װאונדער בלױז שפּאַצירן
אין אַ פּורים שפּאַס.
המן'ס אַלץ רעגירן
דאָך אין אונזער גאַס.

כאָר: טאָ זײט־זשע ניט פאַרנאַרט,
אױף קײן נסים װאַרט
בים: די המנ'ס באַקעמפט
מיט די אײגענע הענט!




די נאָטן צום ליד

## אליהו פאלושאק

# ס'איז נישט אהין און ס'איז נישט אהער

(אביסל שלח מנות — פורים 1948)

עס גלוסט זיך מיר לכבוד פורים אָנצושלאָגן אַ לייכטערן טאָן און צו ציען די אויפמערקזאַמקייט אויף קלענערע געשעענישן און קליינע מענטשלעך מיט גרויסע השגות. איך וועל טרייבן אביסל קאַטאָוועס מיטן ארומיקן וועלטל, כאָטש באמת'דיק זיינען עס נישט קיין קאַטאָוועס, נאָר וויכטיקע רעפלעקסן, וואָס באַרירן אונדזער זיין.

1. פּאַריזער דאגות

די בונדישע „פאָלקסציַיטונג" פון וואַרשע פּאָלעמיזירט פון צייט צו צייט מיט איר שוועסטער־אָרגאַן „אונדזער שטימע" פון פּאַריז, און ווייזט אָן, אַז אין אַלע קאַרדינאַלע פראַגן פאַרנעמען די רעדאַקטאָרן פון „אונדזער שטימע" אַן אַנדערע שטעלונג ווי זיי פון דער „פאָלקס־צייטונג". אַן־און־פאַר־זיך איז דאָס אַ קליין פאַמיליע־מחלוקה'לע, און אַ פּאָליטישע דערצו, אין וועלכער מיר ווילן זיך נישט אַריינמישן. אָבער ווען עס האַנדלט



זיך אין אַזאַ וויכטיקע פראַגע ווי דעם קומענדיקן „געדערעכטן" שלום, צעקאָכן זיך אין מיר אַלע געבליטן. דאָס פּאַריזער בלאַט פרעגט קשיות: „אויב מען פאַרדינט אַ גערעכטן שלום", — טאָ פאַרוואָס קלערט גאָרנישט סאָוויעט־רוסלאַנד אָפּצוגעבן די דייטשן צוריק דעם קעניגסבערגער. היינט קאַלינינ־גראַדער ראַיאָן? פאַרוואָס גיט זי נישט צוריק אָפּ די דייטשן די פאַרנומענע פון פּוילן דייטשע געביטן?"

די וואַרשעווער „פאָלקס-ציַיטונג" באַמערקט מיט רעכט אין איר יאַנואַר־אויסגאַבע: ענדערן די איצטיקע גרענעץ צווישן פּוילן און דייטשלאַנד קען נאָר אַ דריטע וועלט־קריג."

מיר האָבן גרופּן און גרופּקעס אין אונדזער סביבה, וואָס שטעקן אַריין די נאָז אין פראַגן, וועלכע זיי זיינען נישט משיג מיט זייער ענגהאַרציקייט. מען קען נאָך ווייטער גיין. מען מוז צוליב „אַ גערעכטן שלום" צוריקגעבן דייטשלאַנד גאַנץ מזרח־פּרייסן, וואַרטע־באַצירק, שלעזיע, דאַנציקער ראַיאָן, פּאָמערעלן אין מזרח; די פּראָווינצן עלזאַס־לאָטרינגען אין מערב, צוריקציִען די אָקופּאַציע־אַרמייען, פּראָקלאַמירן אַ גענעראַל־פאַרדאַן פאַר אַלע פּאָליטישע, מאָראַלישע און קרימינעלע פאַרברעכן, וואָס דאָס דייטשע פאָלק האָט באַגאַנגען קעגנאיבער דער מענטשהייט (און די אויסראָטונג פון 6 מיליאָנען יידן בתוכם) די באַוויליקונג פון קרעדיטן אויפצובויען די דייטשע ווירטשאַפט, און זי מאַכן עקספּאָרט־פּויאיק, די פולע רעסטאָוראַציע פון דייטשלאַנד'ס סאָווערעניטעט מיט איינענער פאַרוואַלטונג, פּאָליציי, מיליטער און....

„האַלט"! שרייט דער פורים-לץ „עפּעס ענלעכעס איז דאָך שוין אמאָל געווען.

יאָ, עפּעס ענלעכעס איז שוין אַמאָל געווען. „אונדזער שטימע" פון פּאַריז האָט גאָרנישט געלערנט און גאָרנישט פאַרגעסן. פאַר זיי איז דער היינט, אַזוי ווי דער נעכטן. אַמאָל געווען שיידעמאַן, נאָסקע, מעקדאָנאַלד, היינט: ד"ר קורט שומאַכער, בעווין און נאָך אַזעלכע אַפּוטרופּסים פונם „אייראָפּעאישן שלום".

און די 6 מיליאָנען יידישע קדושים? פאַרגעסן! און דער ניי־דייטשער אַנטיסעמיטיזם? „גיט צוריק דייטשלאַנד דעם קעניגסבערגער ראַיאָן!" — נישט אונדזער עסק. זאָל זיך דייטשלאַנד פּרעגלען אין זיינע פאַרדינטע צרות.

אייערע דאגות וואָלט איך געוואָלט האָבן, פריינט פון „אונזער שטימע".

2. ס'איז די מעשה מיט דער זשאַבע

דערשיינט דאָ אין לאָנדאָן אַ נישט־פּעריאָדישע צייטשריפט פאַר ליטעראַטור, קונסט און וויים איך וואָס מיט דעם נאָמען „פרייע יידישע טריבונע", וואָס אָנאָנסירט זיך צו זיין דער שטאָלץ פון יעדן יידישן הויז אין ענגלאַנד און פראַנקרייך. פאַרוואָס נישט? ווען עמיצער האָט דעם כח אַרויסצוגעבן אַ בלעטל מיט אַ ליטעראַרישן אינהאַלט, איז עס אַ שטיקל דערגרייכונג פון דער אַרבעט, מיט וועלכער מיר גייען אָן סיסטעמאַטיש אָן געשריי און אָן געפּילדער.

אינם לעצטן נומער פון דער דערמאָנטער צייטשריפט (נומער 6) איז אָפגעדרוקט אַן אַרבעט „יידישע ליטעראַטור אין לאָנדאָן ביז 1948“ פונם חשובן שרייבער און מיטגליד פון „פריינט פון יידיש לשון“ ש. ל. קרעדיטאָר. די אַרבעט איז שיין איינגעטיילט אין אַן הקדמה און דריי קאַפיטלעך. דערשטוינט מיך זייער, וואָס ביים אויסרעכענען פון דערשינענע כתבים אין די לעצטע צען יאָר דאָ אין לאָנדאָן, געפינען זיך נישט די „ווערק, ווי „לאָנדאָן ליריק“, „דאָס קיילעכדיקע יאָר“, „עפל“, „האַקנקרייץ“, „יידיש“ און אַנדערע שאַפונגען פון אַ באַקאַנטן יידישן דיכטער, וועלכער איז פריינט ש. ל. קרעדיטאָר אויך נישט אַזוי פרעמד. צום סוף פונם דערמאָנטן אַרטיקל נאָכן אויסרעכענען פון אַלע ניי־דערשיינונגען אינם יאָר 1947, פרייט זיך דער מחבר מיט די גוטע רעזולטאַטן און דעם באַוויז, אַז „יידיש האָט אַ נשמה און עס לעבט“.

ער רעכנט אויך אויס די צוויי טעאַטערס, אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס, וועמענס טעטיקייט עס העלפט אַזוי שטאַרק אָנצוהאַלטן און צו פאַרשפרייטן דאָס יידישע וואָרט.

דער פורים־לץ הינטער מיין רוקן רייצט זיך מיט מיר: „הע, זעסט! „פריינט פון יידיש לשון“ איז נישט דערמאָנט מיט אַ וואָרט!...“ — און ס'איז אמת. טאַקע נישט דערמאָנט. מיינט נישט, חלילה, פאַרגעסן. מסתמא נישט געדאַרפט דערמאָנען. מיר האָבן דערפון נישט קיין עגמת נפש. אַ קענטשאַנד אָדער אַ בעוועגונג הערן נישט אויף צו עקזיסטירן דערפאַר, ווייל עס געפינט זיך עמיצער, וואָס פאַרשוויינגט זיי מיט כוונה.

עס ווילט זיך אָבער פרעגן די פראַגע: צו וואָס דער גאַנצער געשריי און טאַראַראַם: פרייע יידישע טריבונע? וואו איז דאָס „פרייע“ און וואו איז די טריבונע?

דערפאַר געפינט איר אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל אַ גאַנצן אָפשניט איבער דעם „טאַלאַנטירטן נאָוועליסט י. ח. קלינגער“, דעם רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט. און דער פורים־לץ פרעגט מיך: „וועלכער טאַלענטירטער און וועלכער נאָוועליסט?“ און איך קען אים נישט געבן קיין תשובה.

אויף זייט 16 פון דערזעלבער צייטשריפט איז דאָ, אַ ביבליאָגראַפישע נאָטיץ איבער מרדכי שטריגלערס לעצט פּאָעטיש ווערק „מאַידאַנעק“. דאָס דאָזיקע בוך איז פאַרזען מיט אַ פאָרוואָרט פון ה. לייוויק און דער רעדאַקטאָר פרעגט: „מיר ווייסן אפילו נישט צוליב וואָס עס איז נויטיק געווען?“ פרעגט דער פורים־לץ: ווער איז דער „מיר“ ביי אַ יחיד איז ניטאָ קיין „מיר“. און אני הקטן פרעג: „צו דער רעדאַקטאָר פון דער „פרייער יידישער טריבונע“ ווייס די דיסטאַנץ פון זיך און דעם גרויסן לייוויק?“

די גאַנצע מעשה דערמאָנט מיך אָן דער באַקאַנטער פאַבל פון קרילאָוון (אָדער איז עס געווען עזאָפּ? — מיין שולצייט ליגט שוין איבער 30 יאָר צוריק). דער מעשה פון דער זשאַבע מיט דעם אָקס. ווען מע בלאָזט זיך גרויס, איז מע נאָך נישט גרויס. — מען בלייבט



נאָר אויפגעבלאָזן ביז צום פּלאַצן... און עס איז קיינמאָל נישט קיין חסרון ווען מען קען דיסטאַנץ און מע האַלט זיך אין דער מדרגה.

דאָס איז מיין שלח מנות פאַר דער „פרייער יידישער טריבונע“.

### 3. אַ גרויסער נאָמען און גאָרנישט

עטלעכע וואָכן האָבן אַראָפּגעשיינט פון די לאָנדאָנער ווענט גרויסע אַפּישן אין יידיש און ענגליש מיט דעם נאָמען: אידאַ קאַמינסקאַ, די טאַלענטירטע טאָכטער־אַקטריסע פון דער אומשטערבלעכער אסתר רחל קאַמינסקאַ. און געשפּילט האָט מען מיט איר הילף: „גליקל פון האַמעלן“, „מירעלע אפרת“, און מען האָט דערוואַרט מער און מער. שוין אַליין דאָס געפיל, אַז עס איז דאָ אַ מענטש מיט אַ געירשנטן נאָמען מיט טאַלאַנט און ווילן אין דעם יידישן טעאַטער, האָט געקענט באַפרידיקן יעדן ליבהאָבער פון יידישער ליטעראַטור. לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. אַ.... אויס קאַמינסקאַ, הויבט מען ווידער אָן צו פּאַשן דעם עולם מיט דעם ביליקן קנאַבל־באָרשט אָן זאַלץ, און אָן שמאַלץ: חלומות פון ליבע“ און „דער אָרעמער מיליאָנער“.

אַ שאָד, באמת אַ שאָד! צו וואָס ברויך מען „מלוכה'שע“ טעאַטער מיט 1500 זיץ־פּלעצער און דעם גרויסן געשריי פון קולטור מיט דריי שין'ס (קולטור האָט אפילו איין שין אויך נישט), ווען מען איז נישט בכח אויסצופילן דעם דאָזיקן בנין מיט קוואַליטעט, מיט איכות. בעסער איז אַ קלענער טעאַטער מיט ווייניק געשריי און ביליקן מה יפית־טאַראַראַם, דערפאַר אָבער מיט אַ גוטן דראַמאַטישן רעזשיסאָר אַ בקי אין ליטעראַטור און אַן אויטאָריטעט ווי עס דאַרף צו זיין.

דערווייל „באַקט“ מען קולטור. וועגן קולטור מיט דריי שין'ס אַן אַנדערש מאָל. זייטס מיר געזונט און האָט מיר אַ גוטן פורים־שפּיל!!!

## אפיל פאַר ביכער

דער „יידישער קאָמיטעט פאַר הילף אין אויסלאַנד“ טיילט אונדז מיט, אַז די פאַרשיידענע קעמפּס פון אונדזערע שארית הפליטה אין דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע און גריכלאַנד הערשט אַ גרויסער מאַנגל אין יידישע און העברעאישע ביכער. מיר ווענדן זיך צו אַלע אונדזערע פריינט און אָבאָנענטן צו העלפן אין דער גרויסער ביכער־נויט.

שיקט צו יידישע און העברעאישע ביכער (בעלעטריסטיק און ווינסשאַפטלעכע) אויף דער אַדרעס פונם:

Jewish Committee for Relief Abroad,<br>7 Endsleigh Place,<br>Taviton Street, W.C.1.

דוב וואַרשאַווסקי

## וועמענס „גאָט" איז עס..? זאָגט!

### איז „מחיית עמלק" היינט גילטיק צי נישט..?

„ווען איך האָב געלייענט די ידיעה, אַז יידן אין מינכען האָבן אויפגעבויט אַ נייע שוהל, און אַז ראַבינער מיכאל מונק איז געפאָרן קיין דייטשלאַנד צו פאַרנעמען דעם כסא הרבנות אין בערלין, האָט מיר אַרומגענומען אַ געפיל פון שפּלדיקייט און דערנידערונג.

„דער אומקער און באַזעצן זיך פון יידן אין דייטשלאַנד, איז אַ באַליידיקונג פאַר אונזער כבוד! עס איז אַריקצוג, וועלכן אַ פאָלק מיט זעלבסטווירדע קאָן קוים פאַרענטפערן אָדער צוקוקן זיך אָן אויסשרייען פון פּראָטעסט! פאַרוואָס האָבן זיך ביז איצט נישט דערהויבן קיין איין שטים נישט פון די פירער, נישט פון די רבנים, וואָס זאָלן דערמאָנען דער וועלט און די יידן, אַז אונזער מלחמה מיטן דייטשישן פאָלק איז נישט געענדיקט, אַז די דייטשישע ערד פאַרבלייבט פאַר אונז אַ פאַרבאָטענער באָדן, און אַז דער חרם, — צי ער איז פאָרמעל פּראָקלאַמירט געוואָרן צי נישט — איז קיינמאָל נישט אָראָפּגענומען געוואָרן פון דייטשלאַנד און פאָלק!

„די רחמנות־קאַמפּאַניע פון דעם וויקטאָר גאָלאַנץ צו מוחל זיין די דייטשן זייערע רציחות איז דערווידער און זי מוז אַקטיוו באַקעמפט ווערן!

„ווי ביטער עס זאָל נישט קלינגען, — לאָמיר יידן מודה זיין, אַז מיר האָבן פאַרשוועכט דעם יידישן כבוד, דערמיט, וואָס מיר האָבן געלאָזט יידן צו באַזעצן זיך אין דייטשלאַנד! אַלע אונזערע העראָאישע פּלענער וועגן אייביקן באָיקאָט און חרם זיינען אַוועק מיטן רויך, אָדער מיר האָבן נישט געוואוסט ווי מ'טוט עס. והא ראיה, מיר האָבן דאָך, נאָך אין היטלערס צייטן צוגעשטימט צום קללה'דיקן טראַנספער־אָפּמאַך און געמסחרט מיט דייטשלאַנד.

„די קומענדיקע דורות, די קינדער און אייניקלעך פון די אומגעקומענע יידן וועלן אונז קיינמאָל נישט מוחל זיין אַט די שוואַכקייט, אַט די מאָראַלישע ירידה!"

איך בין זיכער, אַז „ווייכע הערצער", די „נשים שאננות", די „השאננים־בציון", וועלן זאָגן, אַ. ער איז שוין ווידער דאָ מיט זיין מוסר, און וועלן ווי תמיד, לויפן צו שטענצלען מיט טענות, הלמאי מען „פאַראומערט" זיי דאָס לעבן... ווייל איך טאַקע די „טייערע נשמות" באַרוהיקן, אַז די דערמאָנטע שורות, האָבן געקענט זיין מיינע, זיי זיינען אָבער נישט. דאָס האָט געשריבן דער באַוואוסטער ציוניסטיש־רעוויזיאָניסטישער פירער, מאיר גראָסמאַן, אין ניו־יאָרקער „טאָג", 15 יוני, 1947.

איך האָב גראָסמאַנס ווערטער געלייענט מיט געמישטע געפילן... ווייל געדענקען מיט נאָך די רדיפות און שיקאַנעס, וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין מצד יידן, ווען מיר האָבן פאַר 3 יאָרן (יאַנ.־פעב. 1945), פּראָקלאַמירט די אידעע פון אַ חרם אויף דייטשלאַנד אין דער עפנטלעכקייט! און טאַקע מאיר גראָסמאַן אַליין האָט באַגעוויזן אַזאַ מין אינציהענט (ווען ער איז דאָ געווען, יולי 1945), ווי אַן אַרטיקער רעדאַקטאָר האָט אין אונזער ביידענס אָנוועזנהייט, אויסגעשפּעט און אויסגעלאַכט אונזער חרם־פּלאַן און גראָסמאַן האָט זיך נישט אָנגערופן מיט קיין איין וואָרט. ווייל דאַן האָבן די מוחות פון אונזערע פירער געשוועבט אין חלל פון עולם הפּאָליטיקאַ....

גראָסמאַנס באַשולדיקונג־ווערטער, — הנם זיי זיינען געקומען מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג, — וועלן אָן שום ספק דריקן ווי אַ שוואַרצער קאָשמאַר אויף די קעפּ פון אונזער דור. און ספּעציעל וועלן זיי פאַלן ווי אַ מיאוסער פלעק אויפן ענגלישן יידנטום, וועלכער האָט פון זיך אַרויסגעגעבן דעם „זשידלאָק", וויקטאָר גאָלאַנץ, וואָס איז געווען דער ערשטער און איינציקער „ייד" אין דער וועלט, וואָס האָט צעבראָכן דעם יידישן חרם־פראָנט און האָט אפילו באַצוואונגען דער גוישער וועלט מיט זיין רחמנות־קאַמפּיין פאַר די רוצחישע גערמאַנער.

והא ראיה, דער גערמאַנער גאָלאַנץ איז אַליין מודה אין זיין ערשטן רחמנות־בריוועלע אין „ניוס־קראָניקעל", 27 אויגוסט, 1945, אַז פיל ענגלישע צייטונגען האָבן נישט געוואָלט דרוקן זיינע רחמנות־דייטשישע בריוועלעך, און איין צייטונג האָט אים צוריקגעשיקט זיין בריוו מיט אַ באַמערקונג: „יוזשלעס מאָראַל אינדיגניישאָן".

דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך גלייך געוואָלט נעמען שטעלונג צו גראָסמאַנס באַשולדיקונג, אָבער צוליב סיבות, נישט פון אונז אָפּהענגיקע, איז די דאָזיקע טעמע אַזוי לאַנג פאַרלעגן געוואָרן. מיר וועלן דאָ יעצט דעם ענין באַהאַנדלען באריכות און זאָל עס בלייבן אַלס דאָקומענט פאַר די קומענדיקע יידישע היסטאָריקער....

גראָסמאַן, מוז אפנים נישט וויסן, פון דעם ביטערן קאַמף, וואָס אונזער באַשיידענע „חרם־באַוועגונג" האָט געפירט און פירט נאָך היינט קעגן אַט דעם צער־בעלי „חיה'שן־הומאַניסט", וויקטאָר גאָלאַנץ. איך ווייס נישט ווי אַנדערע, מיר האָבן געזען און געפילט אין דעם דאָזיקן זשידלאָק גאָלאַנץ, אַ גרויסע סכנה פאַרן יידנטום (ווי מיר שרייבן ווייטער). און דערפאַר האָבן מיר זיך אויף אים געוואָרפן, זינט 7 נאָוו. 1945, מיט גרויסן צאָרן. מיר האָבן אויך געהאַט גוטע אויסזיכטן בייצוקומען דער דאָזיקער סטרא אחרא. זיינען אָבער געקומען יידן, דווקא גוטע יידן, נאַציאָנאַלע יידן און האָבן דער טומאה אַרונטערגענומען אונטער זייערע קאַפּאָטעס....

אַנשטאָט דער נאָמען גאָלאַנץ זאָל זיין פאַרהאַסט און טמא, וואָס זאָל דינען אַלס וואָרענונג פאַר אַנדערע יידן — איז דער נאָמען „גאָלאַנץ" גאָר געוואָרן אַ שם־דבר (אחר)... נאַציאָנאַלע יידישע שרייבער און פירער דרוקן ביי גאָלאַנצן ביכער. און עס איז כמעט ווי נישטאָ קיין איין צייטשריפט און זשורנאַל, — וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון ציוניסטן און, אגב, פאַר קהלס־טובה... — וואָס זאָל נישט דרוקן קיין רעצענזיעס, און נישט אַפּעלירן, אַז מען

זאָל קויפן נאָלאַנצעס ביכער. אזוי די אַלגעמיינע ציוניסטן, די פּועלי־ציון, שומר הצעיר, מזרחי און זיין יוגנט, און אויך אפילו מאַנכע ענגלישע רעוויזיאָניסטן טאַקע גראַסמאַנס תּלמידים און חברים העלפן אין דער מעשה־נבלה.

די קאָנסעקווענצן פון דעם זיינען זער טרויעריקע: ווען אַ יידישער יונגערמאַן און יידישע פרוי לייענען דאָס אַלעס, ווי מען לויבט עס גאָלאַנצעס ביכער, און וואָס פאַר אַ „גרויסע הילף" ער ברענגט דאָס דעם ציוניזם און דאָס יידישע פאָלק... ווערט, נאַטירלעך, גאָלאַנץ ביי זיי אַ „קדוש" (הלוואי !). און אַלץ וואָס גאָלאַנץ הייסט דאַרף מען טאָן, אפילו צו העלפן די רוצחישע דייטשן.

און אַז מען קומט צו די דערמאָנטע פּאַרטייען מיט אַ טענה: סטייטש, ווי טוט מען דאָס אַזעלכעס? — לאַכן זיי זיך אויס פון אייך: אַ מענטש האָט זיך אריינגענומען אַ משוגעת אין קאָפּ אריין; גאָלאַנץ איז נאָך אַזאַ שיינער ייד ווי איר; מען קען נישט באַשולדיקן דאָס גאַנצע דייטשישע פאָלק; די יידישע מלוכה וועט דאָך מוזן אָנהאַלטן דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט דייטשלאַנד א.א.וו.

צו הילף די נאַציאָנאַלע יידן קומען די פאַרשטייער פון דייטשישן יידנטום, וועלכע האָבן „נעבעך אַזויפיל געליטן" פון די גערמאַנער.....

זאָגט „הרעב" ד"ר איגנאַץ מייבוים אין אַ רעצענזיע איבער גאָלאַנצעס לעצטן בוך „אין טהע דאַרקעסט דזשערמאַני". אַז מיר יידן דאַרפן נישט קיין פאַראיבל האָבן אויף די דייטשן (וואָס האָבן אויסגעשניטן אַ גאַנצן קאָנטינענט מיט יידן—וו.) ווייל זיי זיינען געווען די שלוחים פון „גאָט" און האָבן געטאָן זיין רצון. און... מיר יידן דאַרפן העלפן גאָלאַנצן אין זיין (נאָבעלער) רחמנות־קאַמפּיין פאַר די דייטשן.....

זאָגט אַ צווייטער דייטש־יידישער „גדול", פּראָפעסאָר קאָהן, אַז אין הסכם מיט די פּרינציפּן פון יידישער תּורה און לערע, מוזן מיר אַלס פאָלק העלפן גאָלאַנצן אין זיין הומאַניזם פאַר די אָרעמע דייטשן; ווייל שלמה המלך לערנט אונז צו געבן ברויט צו הונגעריקע; ווייל אברהם האָט געבעטן פאַר סדום; און דער דין פון מחיית עמלק איז היינט נישט גילטיק... צו דעם צוועק האָט זיך טאַקע שוין געשאַפן אַ יידישע חברה א.נ. „אמת" (א—„מת") אין אַ שוהל אין ערדזשוועער רויד, וואָס האָט זיך געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון גאָלאַנצן (זע: דזשואיש קראָניקל, 15 אויגוסט, 26 דעצעמבער, און 9 יאַנואַר 1948).

און ווי באַלד, אַז אַלע שרייען, אַז „גאָלאַנץ אמת ותורתו אמת", און קיין איין ענגליש־יידישער פירער און קיין איין רב אָדער רבי פּראָטעסטירט נישט קעגן דעם, מוזן מיר דאָך אָננעמען, אַז גאָלאַנץ איז ווירקלעך גערעכט... [און צו וואָס דאַרפן מען טאַקע דאָ רבנים מיט רביים, אַז גאָלאַנציסטן זיינען היינט די „פּוסקים"...? ווער ווייסט, אויב אונזערע כלי־קודש, וועלן אַמאָל נישט דאַרפן טייער באַצאָלן פאַר דעם...?] בפרט נאָך, ווי גאָלאַנץ אַליין שרייבט אין דער „יידישער געמיינשאַפט בלאַט פאַר דער בריטישער זאָנע" (24 סעפּ. 47), אַז ער העלפט פיל דעם ציוניזם; ער האָט אַרויסגעגעבן אַ



בוך: „לעט מיי פּיפּל גאָו"; און אַז זיין רחמנות קאַמפּיין פאַר די דייטשן טוט ער עס אַלס „גוטער יודע" און אין הסכם מיט די יידישע „פּראָפעטן". און טאַקע אויף דעם סמך באַרימט ער זיך, אַז ער איז דער „יידישער נביא" וואָס האָט אַ מיסיע... — איז דאָך געווים כשר לכל הדעות. און יחי גאָלאַנץ!

און ווירקלעך, אויף דעם סמך אַלס „גוטער יודע" און „יידישער נביא", פּאַרט אַרום גאָלאַנץ איבער דייטשלאַנד, האַלט רעדעס אין דייטשן און אין ענגלישן ראַדיאָ, שרייבט אַרטיקלען, אָרגאַניזירט פאַרזאַמלונגען, אַז מען זאָל למען השם נישט פאַרגעסן אָן די גערמאַנער. און ווער וועט דאָס נישט פאָלגן, ווען „גאָט" און דער „יידישער נביא" הייסט...?

It is easy to be sentimental about Christmas. It is not so easy to be realistic. Being realistic means sending what you can to the Save Europe Now European Relief Fund.
15, James Street, London, W.C.2.



Save Europe Now European Relief Fund, in aid of The Friends Relief Service; The Ecumenical Refugee Commission; German Educational Reconstruction; Save Europe Now Supplies Fund. Gifts may be earmaked.
With thanks and Christmas greetings

*VICTOR GOLLANCZ.*

העלפט טאקע גאט, און עס פאלט אריין צו מיר אין האנט, דא לעצטנס, א ליפלעט, וואו איך לייען, אז מען דארף העלפן אריינצונעמען דעם קריסטמאס אין שטוב. דאן קומט דאס בילד פון „הייליקן" יעזוס, און פון דער „באזשע-מאטקא", און די חתימה פון... וויקטאר גאלאנץ... — ס'איז א „גאט" וועמען, אלע שונאי ישראל און רשעים פון דער וועלט, האבן פארוואנדלט אין א „מולך", און קארמענען אים מיט פלייש און בלוט פון יידישע קינדער...! „קרוסיידם" — אמאל און היינט; אין גלות און אין ארץ־ישראל...!!!

נאך ווייניק? — קומט דער „רזשואיש קראניקל" (12 רעצ. 47) און דערציילט אונז, אז וויקטאר גאלאנץ קריכט אין טיפער בלאטע (א וואונדער אויפן ד.ק. צו זאגן אזוי...) און ציטירט „די טשערטש אף ענגלאנד" ציימונג, וועלכע ראפאטירט: „א נייער גאלאנץ שיינט אויף! ארויסטרעטנדיק אויף א קריסטלעכער פלאטפארמע לטובת די דייטשן אין אקספארד, האט מען נישט געוווסט צי עס רעדט גאלאנץ דער ייד, צי גאלאנץ דער קריסט"...

א נו, ווי געפעלט אייך עפעס דער „גוטער יודע" און דער „יידישער נביא" גאלאנץ...? דארף מען נאך אייך ערקלערן, אז מיר האבן דא צו טאן מיט א ראפינירטן מיסיאנער און א יעזוס־„יודע"...?!

יעצט, איז גאלאנץווירקלעך א הומאניסט? זאל ער זיין א יעזוס. — אבער מיר דארפן וויסן צי איז זיין רחמנות־קאמפיין פאר די גערמאנער כאטש דיקטירט פון ריין קריסטלעכע הומאניטארע פרינציפן? — נו, לאמיר גיין ווייטער. צו באקענען זיך מיט זיינע מיטארבעטער און חברים לדעה...

נאך דאקומענטארישע רעוועלאציעס! פראגע פון מוחל זיין די דייטשן, פון „מחיית-עמלק" און אונזער לעצטן זעץ אין דער גאמבע — — — — —

(וועגן דעם אלעמען פארטזעצונג אין קומענדיקן נומער)

חשובע אבאנענטן און פריינט,

ווארט נישט ביז מען וועט אייך צושיקן א מאנבריוו. שיקט איין דעם אבאנענטן אפצאל:

פאר א האלב יאר — 6/9
פאר א יאר — 13/6

צו אונדזער ערן־סעקרעטאר:

E. Paluszak,
64 Lauriston Road,
Hackney, E.9.

אויך יעדע ענדערונג פון אייער וואוינונג בעטן מיר מיטצוטיילן אויף דער אויבן־דערמאנטער אדרעס.

אויך ביכער צו שיקן אין די קעמפס קאנט איר צושיקן צו אונז, אויף דעם דערמאנטן אדרעס.



י. א. ליסקי

# דעם זיידן בין איך אויסן

צום דרייסיקסטן יארצייט פון אונזער גרויסן קלאסיקער מענדעלע מוכר ספרים

דעם פאלקסטימלעכן נאציאנאלן כאראקטער פון דעם גרעסטן טייל פונם יידישן פאלק אין אלע זיינע שאטירונגען אין דעם גאנצן באנעם פון זיין סאציאלן און גייסטיקן באשטאנד, טרעפן מיר ביי מענדעלן, אויסגעדריקט שארף, קלאר און ריין מענטשלעך. די שווערע טיילן פונם יידישן פאלקס־קערפער וואס זענען אפגעפאלן, האבן זיך אסימילירט צווישן די פעלקער און די רעשטלעך וואס האבן עקשנות'דיק נעווארט אויף אחד העם'ס צוזאג, אז די ארץ ישראל קולטור וועט באשטראלן דאס יידישע לעבן אין די גלות לענדער, זיי האט מענדעלע פיינט געהאט....

ביי קיין שום פאלק דארף א דיכטער נישט ארבעטן אזוי שווער ווי ס'ארבעט א דיכטער ביי יידן. מענדעלע האט באדארפט אין זיין צייט נישט בלויז ארבעטן, נאר ער איז טאקע שטענדיק ארומגעגאנגען מיט פארהויבענע פאלעס און מיט אלע זיינע כחות, מיט זיין גאנצן וועזן, האט ער געריסן דאס ווילד־וואוקס. ער האט פארביטערט געקעמפט קעגן אל דאס בייז אינם יידישן לעבן, מיט זיין שארפער פען געאקערט דעם איינגעטרוקנטן, גייסטיקן יידישן באדן.

דאס גרויסע קולטור גערטעניש וואס איז אויפגעגאנגען פון מענדעלעס מי און הארעוואניע, האט געסטאיעט פארן יידנטום צו קענען אנהויבן לעבן פון זיין אייגענער גייסטיקער פראצע. מ'האט אנגעהויבן דערקענען דאס אייגענע סאציאלע געוויסן און מ'האט פאר זיך דערזען א געזונט געפארמטן, אייגנעם לעבנס־שטייגער. א ריין עכטן, יידישן לעבנס־שטייגער, ווייל מענדעלע איז דער ראסיקסטער ייד, וואס דאס מאדערנע יידנטום האט ארויסגעגעבן.

מענדעלעס טיטל־נאמען זיידע איז דער לעבעדיקסטער סימבאל פון דעם סאמע נאטירלעכן, יידישן לעבנס־קוואל. דער קליינער ביישפיל דא, וועט אונז פירן צום סאמע מקור פון יידישער פאלקסטימלעכקייט, צום סימבאל, וואס שטעלט מיט זיך פאר דעם זיידן.

נאכן אנבייסן גייט א ייד אביסל ארויס אין מארק אריין. דער קנאבל בארשטש מיט די געבראטענע קארטאפליעס, וואס ער האט אפגעגעסן האלטן אים ווארעם. דער פעפער לאפטשעט נאך אין דער צונג. ער איז גוט אויפגעלייגט און וואלט געוואלט זיך־א ווייצל טאן... א יינגל לויפט אים איבער און דער ייד שטעלט אים אפ — זאג נאר ווייסער־כעווריניק, דו ווייסט ווער דיין זיידע איז געווען ... דערמיט איז דער ייד אויסן געווען צו זאגן דעם יינגל, אז ער איז דער זיידע אויסן אויג... דאס יינגל גיט א שמייכל... דער ייד האט הנאה און ס'קומט צום אויסדרוק יידישער לעבנס־שטייגער. ס'קומט צו

א שטיק געזונט דער יידישער פאָלקסטימלעכקייט. ס'האָט אויפגעשיינט געפיל, ליבע און טראַדיציע... אויפן וועג באַגעגנט דער ייד א גוטן ברודער, וואָס האָט נאָר וואָס אָפּגעגעסן אָנבייסן און גייט אויך אין מאַרק אַריין און איז אין אַן ענלעכן גייסטיקן צושטאַנד. אויך אים גלוסט זיך מיט עמיצן צו דערטשעפּן. ער שטעלט אָפּ אַן אָרעם בחורל, מיט א טאָרבעלע מעל אויף די פּלייצעס, וואָס ער טראָגט פונם מיטשניק אָפּ ערגעץ צו א באַלעבאָסטע און ער פרעגט אים קורץ און שאַרף — זאָג־נאָר כעוורע־מאַן, וועמענס טאַטע ביזטו? . . . און אויך ער איז אויסן געווען צו זאָגן — דו ביזט דער זיידע, ווי אויסגענאָמען.

אזוי זען מיר, אז מענדעלע איז שוין פון קליינווייז־אָן געווען זיין אייגענער זיידע . . . דער יידישער פאָלקס־זיידע. און ס'איז נאַטירלעך זיין טיטל־נאָמען, דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור.

ביי אַנדערע פעלקער גיט מען אָפּ דעם אויבן־אָן דעם טאַטן. יידן זענען געגאַנגען א שפּאַן ווייטער. ביי אונז פאַרנעמט דעם אויבן־אָן דער זיידע. ביי פעלקער אָבער שאַפט מען גאַנצע ביבליאָטעקן וועגן דעם פאָטער פון א ליטעראַטור און ביי אונז זענען אפשר די פינגער פון איין האַנט אויך צופיל אויף צו קענען איבערציילן די ווערק, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן איבער דעם זיידן און זיין גרויסער ליטעראַטור ירושה, וואָס דאַרף געפירט ווערן צום פאָלק.

צו שנעל איז געלאָפן די אַנטוויקלונג פון דער יידישער בוך־פּראָדוקציע און זי איז צו שטאַרק איבערטריבן געוואָרן אין ווערט אויף דעם אָרעמען, יידישן ביכער מאַרק. דעם זיידנס בויד האָט מען פאַרטריבן אין א זייט . . .

נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט פישקע דער קרומער דעריאָפּט די בויד און האָט מיט איר אָוועקגעטראָסקעט פאָרויס צו א באַנייט יידיש לעבן, צו א דערהויבן יידיש קולטור־לעבן, צו א נייעם רעאַליזם. ביים יידישן פאָלק־מענטש, ביים יידישן אַרבעטער און האָראָפּאַשניק ווערט דעם זיידנס ירושה אוים סימבאָל, זי ווערט אויסגעקעמפטע, רעאַלע ווירקלעכקייט פון א נייעם יידישן לעבנס־שטייגער אין וועלכן דער זיידע האָט געמאַכט א רעוואָלוציע . . . יידישע פאָלקסטימלעכקייט ווערט דערהויבן צו א גרויסן יום־טוב . . . נישט נאָר האָט מען אָנגעהויבן מענדעלען צו פייערן, פונקט צו לייענען און איבערזעצן, נאָר מ'האָט אָנגעהויבן זיינע ווערק צו באַאַרבעטן פאַרן טעאַטער. מ'האָט דראַמאַטיזירט דאָס בוך „מסעות בנימין השלישי". וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין מאָסקווער יידישן קונסט טעאַטער און מיט מיכאָעלס געניאַלן טאַלאַנט איז עס געווען איינע פון די שענסטע אויפפירונגען, וואָס מ'האָט ווען עס איז געזען אויף דער יידישער בינע.

פישקע דער קרומער האָט אָוועקגעפּאַטשט מיט דער בויד קיין טונעיוואַדיווקע, קיין גלופּסק און קיין קאַפּצאַנסק און געשלעפּט די יידישע כּאַלאַסטריע אינם טעמפּל פון יידישער קונסט און צוזאַמען מיט זיי



האָט ער אָנגעקוואָלן פון בנימינען דעם בעל־חלומות, פונם פּיפּערנאָטער און פון סענדערל די יידינע . . .

מענדעלעס גייסט האָט געקראָגן זיין תיקון... די רעוואָלוציע, וואָס ער האָט געמאַכט אינם יידישן לעבן, האָט געפירט צו א נייעם רעאַליזם, צו א באַנייטן יידישן לעבנס־שטייגער... דער זיידע האָט געזיגט... דער זיידע האָט געוואונען די שלאַכט...

## יעקב פערנבאַך (קוטנע־תל־אביב)

# דער גרעסטער פאַרשער פון דער יידישער אגדה *

די יידישע אגדה אין דער גמרא און אין די מדרשים זיינען ווי א לאַנדשאַפט מיט קאָליר און ריח, וואָס ווייזן אַן א קענטיק לעבן פון באַרג און טאָל, וואַלד און פעלד, וואַסערפאַל, און טייך, וועג און שטעג און סטעזשקע.

ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער אז די אגדתות פון תלמוד און פון די מדרשים האָבן צו זיך צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אונזערע גרעסטע פאָרשער ווי באַבער און פערלעס און א ריי אַנדערע פאָרשער האָבן געווידמעט זייערע וויכטיקסטע ווערק אויף דער פאָרשונג פון דער יידישער לעגענדע און אין זיי אַנטפּלעקט מאָטיוון פון חלום, וויזיע זעאונג וואָס קריסטאַליזירן זיך אוים אין א געוויסע וועלט־אַנשויאונג.

דערהויפּט האָט אָוועקגעגעבן דערויף זיין גאַנצן לעבן דער גרויסער ליטעראַטור־פאָרשער שלמה בובער, דער זיידע פונם באַרימטן היינטצייטיקן דענקער מאַרטין בובער.

ביי היינטיקן טאָג איז שוין שלמה בובער א פאַרגעסענער נאָמען, אָבער ווי פּאָפּולער איז דער נאָמען געווען אין זיין צייט! ווער האָט דעמאָלט נישט געהערט פונם ראַזיקן פאָרשער פון אונזער פאַרצייטיקע מדרשים, פון דעם גרויסן געלערנטן, וואָס איז געווען א מין לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע און וואָס זיינע ידיעות אין דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור זענען געווען ממש פענאָמענאַלע?

עס איז זייער שווער איצט צו געבן דעם לעזער אַן אַרומנעמענדן בעגריף וועגן בובערס ליטעראַרישע אַרבעט. זיינע אַרבעטן זענען צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע ווינקעלאך פון דער משכילישער העברעאישער ליטעראַטור, אין הקדמות צו ספרים און אין דער פּרעסע פון יענער צייט ווי „המגיד", „המליץ", „הכוכבים" און אַנד.

* די אגדתות פונם תלמוד און פון די מדרשים האָבן פערבאַפּט אונזערע גרעסטע פאָרשער. — ס'איז איצט 40 יאָר ווי ס'איז געשטאָרבן אין לעמבערג דער גרעסטער פאָרשער פון דער יידישער אגדה, שלמה בובער.

בובער איז געווען זער פרוכטבאר אין זיין ארבעט. ס'איז קענטיק געווען ביי אים אן איילעניש, וואס איז, ווייזט אויס, געקומען פונם געדאנק, אז ס'וועט נישט זיין ווער עס זאל פארזעצן זיינע פאראנטווארטלעכע ארבעט. און עס איז ווירקליך געווען א פאראנטווארטליכע ארבעט, ארויסצוגעבן די ספרים פון מדרש און אגדה אין א פארבעסערטער אויסגאבע. די אגדות און די מדרשים זענען שטענדיק פאר אונזער פאלק געווען די איינציקע ליטעראַרישע פארם אין וועלכער ער האט אויסגעדריקט זיין גייסט און פאנטאזיע. די אגדה איז פאר דעם יידישן פאלק געווען דאס זעלבע, וואס די שענע ליטעראטור איז איצט פאר די נייע פעלקער. די לעגענדן — דאס זענען געווען די בילדער דורך וועלכע עס האט זיך ארויסגעזען ווי אין א שפיגל די גייסטיקע לאגע פון יעדער צייט און אזוי ווי דער מאדערנער קינסטלער שפירט די באדערפעניש צו שאפן נייעס, צו אויסדריקן זיינע איינדרוקן, וואס ער האט באקומען פון דער נאטור, אזוי האט אויך דעמאלט דער ייד געשפירט די באדערפעניש צו שאפן נייע ווערק, וואס אין זיי זאל זיך אין דער ווירקלעכקייט נישט שפירן זיין געשטאלט, זיין ווירקונג. און ער האט דעריבער אריינגעבראכט א נייעם אינהאלט אין די כתבי־הקודש. אט די ליטעראַרישע פארם פון די לעגענדן האט אין משך פון א לאנגער צייט באפרידיגט די באדערפענישן פון דעם ייד צו שענער ליטעראטור, און נישט נור די פסוקים האבן געדינט אלס דער דאזיקער מאטעריאל, נאר אויך די נאטור און די וועלט, דאס לעבן און די לעבנס־עלעמענטן. די גאנצע וועלט האט פאר דעם בעל־האגדה געדינט פאר זיינע פאעטישע שאפונגען, און דעריבער איז פאראן אין די מדרשים אזויפיל משלים פון לעבן און אלע לעבנס־געשעענישן. די אגדה האט ארויסגעשפראצט פון לעבן און האט אויך געווירקט אויפן לעבן.

די אגדה איז מערסטן טייל צעזייט אין דער תלמוד'ישער ליטעראטור, אבער אויך אין די מדרשים זענען די אגדות פאנאנדער געווארפן. א סך זענען געווען די מדרשים: זיי זענען געשאפן געווארן אין דער סביבה פון די גרויסע בעלי־האגדה. אין די פריערדיקע צייטן האבן זיי זיך געפונען ביי די דרשנים, וואס פלעגן זיי באנוצן לויט זייער באדערפעניש נאך, זיי פלעגן אויך צוגעבן א פיינעם דרוש וואס זיי האבן אליין גע'דרש'נט אדער געהערט פון א אנדערן, אזוי ווי מיט די דאזיקע מדרשים פלעגן זיך באנוצן נור איינצעלנע, ווייל זיי זענען פון איינצעלנע באשאפן געווארן — דעריבער פלעגט זיך זייער פארם ענדערן און פלעגן זיין פול מיט פעלערן. און כדי אויסצובעסערן די דאזיקע פעלער און ארויסגעבן די מדרשים אין א פארבעסערטער פארם, האט בובער געמוזט נאכזוכן נאך די אלע צעשפרייטע מדרשים און דערגענצן אמאל איין מדרש פון א צווייטן ענלעכן מדרש.

דער גרונד־געדאנק פון בובערס ארבעט אינם ארויסגעבן די מדרשים איז געווען א וויסנשאפטליכער, די למדנים האבן פריער נישט געוואוסט אז ס'איז פאראן נוסחאות, וואריאנטן פון די מדרשים.

דער יידישער למדן איז שטענדיק געווען באגרעניצט אין זיינע ד' אמות.



פלעגט זיך לערנען די מדרשים פון א ספר, נישט וועלנדיק וויסן אפילו פון וועלכע דרוק ער איז. עס פלעגט אויך טרעפן, אז געלערנטע זענען געווען געצוואונגען צו בעגנוגען זיך מיט די פארגרייזטע דרוקן. ווארום נישט יעדער איינער האט די מעגלעכקייט צו פארן קיין אקספארד אויסצוזוכן דעם ריכטיקן נוסח. אט דעם חסרון האט בובער געזוכט צו דערפילן ארויסגעבנדיק פולשטענדיקע אויסגאבעס פון די מדרשים, פארזען מיט זיינע קריטישע באמערקונגען און מראה־מקומות, און אויף אזא אופן געבראכט דעם לעזער אלע נוסחאות און וואריאנטן פון די פארשידענע מדרשים.

## פ. זיגעלבוים

### „די כבוד זוכער און אנדערע געקליבענע שריפטן“ פון בנציון מירוויש. קייפטאון. דרום אפריקא

דער מחבר קען דאס יידישע לעבן אין אפריקע, גיט א קאמפעטענט בילד פון סאציאלן וואוילשטאנד פון דער יידישער געמיינדע. דער עיקר אבער באשרייבט ער אונזערע „פירער“ די גאטס־טראפטשעס וואס באגלייטן יעדע חברה, יעדע אינסטיטוציע, איז א גוטער אבסערוואטאר, קען אויפכאפן סיטואציע און דערזען דורך זיינע דיקע גלעזער מענטשן, ווי זיי אליין זען זיך נישט.

און כאטש זיין פאנטאזיע העלפט אים אויסברייטערן די לעבערלעכקייט און פארדארבנקייט פון די „פירער“, זעט אבער ווען מ'לייענט דאס בוך כמעט אלץ אויס אמתדיק ווי מען וואלט אליין געשטאנען דערביי.

דער מחבר נעמט אויפן „צימבל“ דעם אלט באקאנטן יידישן פערסאנאזש פון אונזער מדינה אפריטשקע: נבאים, קאמיטעט־לייט, רבנים, כלי־קודש, בעלי־טובות, כלל־פארזארגער, שרייבער, רעדאקטארן, דאקטוירים, אינטעליגענטן, בעלי־צדקה, הולטאיעס און סתם פראסטאקעס כבוד זוכר. נאר קיין מאסע איז נישטא, ווייל ווי קען זיין מאסע? אז, זאגט דער מחבר: איך מוז זיך מודה זיין פאר אייך, אז קיין גוטער ייד זאל נישט קענען דעם וואס האט אויסגעטראכט די חכמה פון סטאטיסטיקס, אז פון 94 טויזנט יידן האבן מיר 5687, טשערמאנס, 11374, וויים־טשערמאנס 5187, טרעזשורערס, 5687, סעקרעטארן, און 51,183 קאמיטעט־לייט היינט בארעכנט דאס און דערגיי א טאלק.

און כאטש דעם פרינציפ, אז פון אנעקדאט ווערט געבוירן די פאבולע קען מען דא נישט אנווענדן, באנוצט זיך אבער דער מחבר מיט אסך טיפיש אפריקאנער יידישע אנעקדאטן, וואס העלפן אים צו די אויסערלעכע כאראקטעריסטיקעס און גיבן א פארביקן לבוש דעם פערסאנאזש אין זיין מיליע.

און הגם דאָס בוך רופט אַרויס געלעכטער, בלייבט מען דאָך זער אומעטיק, עס ווערט שווער אויפן האַרצן, ווייל אַלע באַשריבענע ייִדן זענען מיאוסע אוממענטשן.

צי דאַרף מען נישט דאָס „שעפערישע ליים“ — די גאָלע מנוולדיקייט צווישן אונז אַביסל לאָזן צורו און אויפהערן קנעטן? צי איז טאַקע נישט פאַראַן קיין איין פּאָזיטיווע דערשיינונג אין ייִדישן לעבן דאָ? קיין איין מענטשישער ייִד אַ כּלל טוער?

מיטן אויסנאַם פון דוד פראַם און ר. פעלדמאַן שטעלן אַלע היגע שרייבער אַרויס אויף דער ווייסטאַווע ייִדן מנוולים, מ׳הויבט ממש אָן ציטערן אין די לענדן, מיט וועמען מען פירט דאָ אַ וועלט. און אויב אַזוי דאַרף מען דאָך אונז אַלע דורם־זיין, אַז אַלע זענען אַ באַנדע פּוסטע בעלי־גאוות און בעלי־תאווה׳ס, זשוליקעס וואָס באַגנבענען גאָט און מענטש. און ווייל מירווישעס שילדערונגען קלינגען אַזוי לעבנס־אמתדיק, מען גלייבט אים, מען זעט זיי די „שיינע ייִדן“ מיט זייערע ווערעמדיקע מעשים־טובים ווערט טאַקע נאָך אומהיימלעכער.

אויב דער מחבר האָט דווקא געוואָלט טאַדלען נאָר דאָס שלעכטע, זאָלן זיי וויסן די „כבוד זוכער“. אַז עמיץ האַלט אויף זיי אָן אויג און קינד און קייט וועלן לאַכן פון זיי. דאַן האָט מירוויש זיינס דערגרייכט, און זאָל אים זיין צום געזונט.

דאָס בוך פון 254 זייטן איז צעטיילט מיט אַ „דיקע“ וואַנט אין צוויי טיילן, דאָס אַלץ וואָס איז ביז אַהער געזאָגט געוואָרן באַציט זיך נאָר צו דער ערשטער טייל „די כבוד זוכער“, ווייל דאָס איז אַ גאַנצע זאַך, איין טעמע אין פאַרשידענע קאַפּיטלען.

די צווייטע טייל, „געקליבענע שריפטן“ איז אַ זאַמלונג פון פּובליציסטישע אַרטיקלען געשריבן דורך אַ ריי יאָרן. „די כבוד זוכער“ קען מען זאָגן איז אַמוזירנדער ליין־מאַטעריאַל, מירוויש „פּאָרטרעטלט זיי“ גוט אָפּ און זאָגט „זיי“ אַריין ווי עס באַדאַרף צו זיין. נעמען גיט ער זיינע פּאַרשוינען אַלאַ מענדעלע: אינם נאָמען ליגט דער כאַראַקטער פון העלד: גרונם פחד, יחיאל קנאַקער, פיניע שרייער, איצאַלע באַראַבאַן, שעפּסל דבר אחר, בערעלע נודניק וואָס רופט זיך אין אַפריקע דזשעק קינדרון (ליין קינדרון אויף צוריק) וואָס איז געווען אין דער היים אַ היטל־מאַכער און דאָ איז ער אַ געלט־מאַכער. אין בוך איז דאָ אַסך שיינע פּראָזע שטעלן, צ.ב.:

חיים גרינבלאַט דעם גבירים איידעם, אַז ער איז געווען אַביסל פריילעך, פלעגט אָפּשטעלן בערעלע נודניק און אים כלומרשט פרעגן: ר׳ בערל, איר גלייבט דאָך אַז משיח דאַרף קומען יעדן טאָג, וועט דאָך זיין תחית המתים. איז וויפיל מיינט איר מאַטעריאַל וועט עוג מלך הבשן דאַרפן פאַר אַ היטל?

אָט די „בערעלעך“ ביי וועמען עס באַמבלט זיך אַ פונט אין קעשענע זיינען געוועגלעך אַלץ ווייסער, נאָר מיט אַזאַ האַרבער שאלה איז ער אָבער אַ ר׳ זרח׳קע חקרן... אָדער פיניע שרייער וואָס האָט אַ האַלז וואָס



זינגט אַליין, נאָר צו חזנות האָט ער נישט קיין חשק. זאָגט זיין קריטיקער יעקב דער שוסטער: אוי! זיין שטימע, ווען איך וואָלט געהאַט זיין „בלי“ וואָלט איך אַוועקגעפאָרן קיין איטאַליע באַווייזן די לאָקשן־פרעסער אַז מיר ייִדן קענען בעסער זינגען ווי זייער קאַרוזאָ.

די „כבוד־זוכער“ זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט אַזעלכע בילדלאַך. פאָלקסטימלעכע „מוטלערייען“ וואָס לייענען זיך זער געשמאַק. נאָר ערטערווייז כאַפּט מירוויש איבער די מאָס. למשל, מר. סיימאָן צעבון כאַפּט זיך אויף אין מיטן דער נאַכט פון שלאָף און געפינט נישט זיינע פאַלשע ציינער, ווייל ער האָט זיי נישט געלייגט ווי שטענדיק אויף זיין נאַכט־שענקל, נאָר געלאָזט אין קיך און די שוואַרצע האָט זיי אַוועקגעלייגט אין אַ בלומען־טאָפּ. סיימאָן פילט אַז עפּעס שטיקט אים אין האַלז, עס ווערגט אים... ער וועקט אויף זיין ווייב, דערהערט אַז איר מאַן האָט אַראָפּגעשלונגען אַ „סעט“ ציינער וואָס קאָסטן אַזש אַכט פונט, חלשט זי אַוועק. סיימאָן בעט זיך אין טעלעפאָן ביי דר. פיינגענבלאַט, אַז פריער גאָט דערנאָך ער קען אים ראַטעווען, און מיט דער צווייטער האַנט מינטערט ער זיין ווייב.

דער דאָקטאָר קען גוט דעם קמצן צעבון, לאָזט ער אים אַביסל וואַרטן, ווייל אַ גוטער דאָקטאָר איז זער פאַרנומען — ער רייסט ענדלעך איבער דאָס קערטל שפּילן און קומט און באַטאַפּט מר. צעבון פון אַלע זייטן און זוכט, און זוכט, און געפינט די ציינער — אין בלומען־טאָפּ. מאַכט אַ שווייג, פאַרנאַרט דעם „קראַנקן“ צו זיך אין קאָנסאַלטינג־רום, דערקלערט אים אַז ער מוז אים אָפּערירן, אָבער ס׳וועט ניט שטאַרק וויי טאָן, ער זאָל זיך נישט שרעקן כאָטש ס׳איז גאַנץ ערנסט. נאָר די מעדיצין האָט אויסגעפונען מיטלען, וואָס קענען אַלץ צושמעלצן אין קערפּער. אָבער ער דער דאָקטאָר וויל אַרויסנעמען די ציינער גאַנצערהייט און נישט פון בויך, נאָר פון פוס. אַזש אַהין האָבן די ציינער געבאַפּט אַ שפּאַציר. איר לאַכט אוודאי פון נאַרישן סיימאָן? דאָס איז נאָך נישט אַלץ. מירוויש לאָזט דעם שווינדלער איינשלעפערן דעם אָרימען סיימאָן מיט גאַז און ווען ער כאַפּט זיך אויף דערזעט ער דעם נס, די ציינער ליגן אויף אַ טעלערל אָט אַזוי ווי ער האָט זיי „איינגעשלונגען“ און ער פילט זיך געזונט ווי נעבכטן אין דער צייט...

דר. פיינגנבלאַט האָט דאָ נישט אָפּגעאַרבעט קיין קונדאַס שפּיצל. נאָר טויט־ערנסט אויסגענאַרט הונדערט פונט פאַר דער אָפּעראַציע. אַזאַ שאַנטאַזשיסט...

אָט אַזוי זענען אַלע לייט אינם בוך. מען האָט גאָט אין וועסטל־קעשענע, אַ טשעק־בוך אין בוזים־קעשענע. יעדערער פירט שטאָט ביד רמה. מען וואַרפט אַרויס אַן אָרימען שמש פון שול ווייל ער חנפט נישט גענוג. מען זאָגט דעות וועגן חזנות און עדיוקיישאָן. די היברו טיטשערס ראַנגלען זיך אין דער נעץ פון זייערע מושלים. רוחניות איז דער בר־מצוה סערטיפיקאַט און גשמיות איז דעם טיטשערס פאַרלאַנג פון העכערע שכירות.

דער ערשטער טייל האָט 18 קאַפּיטלען גוט געזען און געהערט און גוט

דערציילט, אַ שאַד איז נאָר וואָס עס געפינט זיך נישט קיין איין צדיק אין סדום...

און וואָס די יידישע „רשעים" ריידן מיט אַזויפיל דייטשמעריזמען ווי: זאַנדערבאַר, מאַנכע, דיזע, ברויכט, אַהנע, פּראָדוקציאָן א.אז.וו.

דער צווייטער טייל „געקליבענע שריפטן" באַשטייט פון פּובליציסטי־שע אַרטיקלען, סרוב געשריבן אין די יאָרן 1933-1941, וואָס האָבן ווען דאָס בוך איז אַרויס אין 1946, פאַרלוירן זייער אַקטועלקייט.

כאָטש אַ טייל אַרטיקלען ווי „פּראָבלעמען פון היינטיקן יידנטום", „מיר דאַרפן אַ פאָלקס אוניווערזיטעט", „וואָס איז נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע?" און „די אַנטוויקלונג פון מלאכה ביי יידן" זיינען זער אינטערעסאַנט, הגם די טעמען זיינען שוין באַרירט געוואָרן פון אַנדערע שרייבער, זיינען זיי אָבער באַלערנדיק און וואָלטן באַדאַרפן אַרויס אין אַ באַזונדערע בראָשור נישט אין דעם בוך.

צו דעם מאָגערן ביכער־שענקל פון היגע שרייבער איז צוגעקומען נאָך אַ בוך, כאָטש באַשיידן, אָבער גאַנץ עסטעטיש אַרויסגעגעבן און ווערט צו האָבן און צו לייענען.

---

## יעדער ייד דאַרף געדענקען

דער אַרבעטער רינג קינדער הילפס קאָמיטעט ווענדעט זיך איצט צו יעדן יידישן מענטש אין לאָנדאָן, צונעמען אין אַכט דעם דאַטום, דעם אַכטן אַפּריל, און דעם פּלאַץ, פרענדס הויז אין יוסטאָן רויד, פאַר אַ קאָנצערט פון יידישן וואָרט, געגעבן ביי דער קינסטלערין **ניוסאַ גאָלד**, וועלכע ברעכט אונטער אַ זייער דערפאָלגרייכן טור אין אייראָפּע, צו קומען פאַר דעם צוועק אין לאָנדאָן, איינער פון אירע לעצטע זייער דערפאָלגרייכע אויפנאַמען איז געווען אין פינלאַנד!

מיר דאַרפן נישט קיין סאַך ווערטער פאַרברויכן אייך יידישן מענטש צו באַווייזן אַז איר דאַרפט העלפן דעם קאָמיטעט וועלכער האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו העלפן רעהאַביליטירן פון דעם חורבן אַזוי פיל יידישע קינ־דער ווי נאָר מעגלעך.

דער אַרבעטער רינג קומט נישט אָפּ בלויז מיט רופן צו אייך העלפט נאָר העלפט טאַקע אַליין ממשותדיק!

קומט דעם 8־טן אַפּריל אין פרענדס הויז און איר וועט זיך דאָרט איבער־ציינן און אין דער זעלבער צייט געניסן און האָבן פאַרגעניגן פון דאָס ערלעכע יידישע וואָרט.

איר וועט אויך זען אַ זייער אינטערעסאַנטע פילמע אין יידיש מיט דעם טיטל. מיר קומען אָן!

באַזאָרגט זיך באַצייטנס מיט טיקעטס פרייזן פון 3 שילינג ביז £1-1-0 דורך דעם אָפיס 22 עלי סטריט אָלדגייט א.1.



# אַלעגאָריער

## דריי ביכער פון ל. מילער — ניו־יאָרק

„דאָ איז מיין היים" (פּאָעמען, 172 זייטן.)

„וואָלט וויטמאַן" (לידער, יידיש — ל. מילער, 226 זייטן.)

„דאָס לעבן וואָס לעבט איבינג" (מלחמה־באַלאַדע, 30 זייטן, 4 טיילן.)

אָט די דריי ביכער האָב איך אין אַ רעגנדיקן פרימאָרגן דערהאַלטן פון ניו־יאָרק און גאַנץ אונדערוואַרטעט און טאַקע דערפאַר זיך דרייפאַך געפרייט.

דער בוך „דאָ איז מיין היים" הגם פאַרשפּעטיגט אין אָנקומען מיט גאַנצע אַכט יאָר נאָך דעם דערשיינען, האָב איך זיך גענומען צו אים צום ערשט — ער איז געבונדן אין רויט און מיט גאָלדענע אותיות. עס האָט מיך געריצט דער עסטעטיש־וואַרימער אויסזען און איך האָב זיך נישט אָפּגענאַרט.

די אַכט פאַרשפּעטיקטע יאָרן האָבן ניט אויסגעפעלט, ווייל איך האָב אַנשטאָט אַ בוך, געהאַט פאַר זיך אַ זינגנדיקן אַרנימענט און אויף אַרנימענטן זוכט מען נישט קיין דאַטום, סיידן ווען איינער זוכט צו פיקסירן אַ פּרייז...
— איך געהער נישט צו יענע קונסט־קאָנאָסערן.

לייען איך די לידער און באַשליס — אַז אַנדערש האָבן זיי נישט געטאָרט געבונדן זיין ווי נאָר אין רויט און גאָלד. איך באַשליס אויך, דאָס אַזעלכע לידער ווי די אין ל. מילערס בוך „דאָ איז מיין היים". האָבן געקאָנט געשריבן ווערן מיט פופציק יאָר פריער און וועלן אויך קענען געשריבן ווערן מיט פופציק יאָר שפּעטער... איז וואָסזשע דער מאָלער? וואָס קאָלענע ל. מילער האָט פאַרשפּעטיקט מיט אַכט יאָר?....

לייען איך און איך באַוואונדער ממש דעם דיכטער פאַר דער רואיקייט און פאַר זיין כמעט זיינגערמאַכערישן געדולד פאַנאַנדער צושפּילן זיך ווי אַ קינד מיט שורות און שורהלעך ווי מיט קאָלירטע שטיינדלעך, אָדער נאָר פאַטשקערס און נישט ווילנדיק, דאַכט זיך דערוואַקסן ווי איך בין, נעם איך זיך מיטשפּילן און פאַרשפּיל זיך און פאַרגעס אפילו ווי שפּעט עס איז — סיי אין מיינע יאָרן און סיי אין צייט....

זיי זיינען לידער, עכט־דיכטעריש, אויספּולירטע, און אויסגעצערטלטע לידער וואָס דאַרפן עפּעס זאָגן גרויסעס און וואָס זאָגן נישט און עס האַרט מיך אפילו נישט, ווי עס האַרט נישט פון וואַנען די זון קומט — זי איז דאָ און זי איז שיין.....

און אָט די כמעט נאַרישט־זאַגנדיקע לידער אין פאַרגלייך צו די וועלכע ווערן איצט געשאַפן נאָך דעם בלוט־מבול, נאַרן און פאַרנאַרן מיר נישט אוועקצולייגן דעם בוך פון האַנט און איך בירגער זיך איין צווישן די שפּילנדע

פאַר די אויגן טאַנצנדיקע פאַרבן־שפּריצן ביז ס'ווערט אויך מיין היים... און איך שעם זיך אפילו נישט וואָס איך, אַ בחור אין מיינע יאָרן זאָל זיך איצט נעמען שפּילן מיט נגינה אַליין נישט וויסנדיג פאַרוואָס איך טו עס און סאיז אפשר קיין וואונדער נישט ווען איך לייען אַזעלכע פּרעכטיקע זינגנדיקע שורות:

„זאָל זינגען ווער עס וויל: פון טויט, פון שרעק און אומגליק,
און ווער עס מוז. זאָל צווייפלען, פאַרלייקענען, פאַרניינען.
איך — זינג פון לעבן. מיר איז דאָס לעבן ליב און אייגן
און איך זע איצטער שוין דער צוקונפט'ס העלן בליק" — א.ז.וו.

אַזוי הויבט אָן דער דיכטער ל. מילער זינגען פון לעבן וואָס איז אים ליב און איר מוזט עס אים גלויבן אויפן וואָרט אַז אַזוי פילט ער — אַז דער לעבן איז, אָדער דאַרף אפשר זיין....

שוין באַלד ביים אָנהויב. דערקענט איר אים — דעם סטיליסט, דעם שיין־קינסטלער וואָס פאָרעמט געשטאַלטן כמעט פון גאָרנישט. דער קינסטלער פון ווערטער און שפּראַך און הגם דער גאַנצער בוך לידער איז געוועבט און געשפּינען מיט דער זעלבער שפּילעוודיקער לייכטקייט — אין גאָלד און רויטן זיידן־שטאָף, גלוסט זיך דאָך גיין און איבערגיין פון איין ליד צום אַנדערן, ווי עס וואַנדערן אַמאָל די בליקן אייערע אין אַ גאָרטן צווישן בלומען פון איין בלום צו דער צווייטער.

גיי איך ווייטער אויף דער סטעטשקע פון „דאָ איז מיין היים" און דער גיי צום „געזאַנג פון ברענענדיקע תפיסות" — די טעמאַטיק אַזוי פּשוט און וואָס קאָן זיין מער פּשוטער ווי „ברענענדיקע תפיסות"?....דאָך פילסטו ווי דו וואָלסט אינם שלאָף געהויבן זיך מיט די וואָלקנס רויך העכער, העכער:

„אַט אַזוי ווי עס פלאַקערט טרוקן שטרוי
אין אַ נאַכט פון ווינט און קעלט" — און ווייטער:
„פון אַלטן סדום די בעטלעך
זיינען נאָך ביז איצט צעשטעלט
אין די ענגע תפיסה־ווענט, —
איצטער ברענט!
איצטער ברענט!
איצטער ברענט"! — און נאָך ווייטער:
„וועלן מיר אַ פּאַטש טאָן,
און זיך בשורה'דיק צעזינגען:
מיר זאָגן אָן —
מיר זאָגן אָן
מיר זאָגן אָן
אַ נייע וועלט"!



ווי עס איז צו מערקן, האָב איך אפילו דעם ציטאַט געבויט און פאַרמירט ווי ער איז אוועקגעשטעלט און פאַרטראַכט געוואָרן ביים דיכטער, כדי נישט אָפּצורויבן דעם פאָרעם וואָס מאַכט דעם ליד זיין ליד, וואָס זינגט פאַר זיך. און ס'איז אפילו נישט נויטיק צו נעמען זוכן מיקראָסקאָפּיש לאָגיק און פאַרבינדונג, ווייל ביים סטיליסט איז די טעמאַטיק ווי דער ליים ביים טעפּער — אַ מידיום, אַ מיטל פאַר דעם פאָרעם.

גאַנץ אַנדערש געפינען מיר דעם זעלבן דיכטער ל. מילער אין זיין מלחמה־באַלאַדע „דאָס לעבן וואָס לעבט אייביג", וועלכע איז צעטיילט אין 4 טיילן. דאָ איז שוין דער דיכטער זקנ'דיק, ערנסט און פאַרטיפט. וואָס קאָמאַנדירט מיר דרך ארץ און כ'ווער דערפאַר אויך ערנסטער פאַרנעמנדיק מיין אייגנעם לייכטן סטיל מיט וועלכן איך האָב אָנגעהויבן מיין אָפּשאַצונג.

די באַלאַדע וואָס נעמט דעם מאָטיוו פון „אַ רויט־אַרמייער'ס באַריכט פון שלאַכט־פעלד" איז שטאַרק הן אין טעמאַטישן זינען, הן אין דער פאָרמע, וועלכע האָט נישט געקאָנט און נישט געטאָרט זיין אַן אַנדערע.

וואָס קאָן זיין מער דינאַמישער, מער וויבריר'נדער, ווי צוויי טאַנקאַרמאַדעס וואָס שטויסן זיך אָן אויפן פעלד אין אַ געפעכט וואו שטויב, רויך, פייער, בלוט און פלייש, מישט זיך אויס אין איין שדים־וואַקכאַנאַליע?

אָבער דער דיכטער גייט צו דעם בויך פון דער ערד פון וואַנען דער מעטאַל איז געקומען פאַר אַט די טאַנקן און אַט ווי ער הויבט אָן זיין ערשטע טייל פון דער באַלאַדע — „דאָס לעבן וואָס לעבט אייביג"....

„אין די טיפסטע טיפן פון דער ערד דער גרויסער,
איבער לאַנגע ברייטע שטרעקעס, דעק אויף דעק,
זיינען די מעטאַלן אין אַ טיפן שלאָף געלעגן,
ביז דער מענטש געקומען איז פון שלאָף זיי וועקן".

גייט עס אַזוי געלאַסן און דאַכט זיך תמימותדיק ביז דאָס דינאַמישע דערין הויבט אָן צו וואַקסן העכער און שטאַרקער ביז סאַמע קרוסענדאָ, ביז ס'דערגרייכט דעם סאַמיט, דעם זעניט פון גאַנצקייט.

דאַן קומט דער דריטער בוך „וואָלט וויטמאַן" פון זיין בוך „בלעטלעך גראָז" אין איבערזעצונג פון ל. מילער. אַז אַ דיכטער זאָל פאַרגעסן זיין אייגנס און נעמען זיך צום איבערזעצן אַ דיכטערס אַ ווערק און דערמיט וועלן באַרייכערן אונדזער דיכטונג, איז שוין פאַר זיך אַליין עפּעס וואָס פאַרדינט אַנערקענונג און אַ גרויסן יישר־כח.

דאָס בוך „דאָ איז מיין היים" איז דערשינען אין פאַרלאַג „סיגנאַל". ביים „פּראָלעטפען" 1939. די מלחמה־באַלאַדע „דאָס לעבן וואָס לעבט אייביג" — דערשינען אין פאַרלאַג „יידיש־אַמעריקע", 1942. וואָלט וויטמאַן „בלעטלעך גראָז" — קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס־פאַרלאַג", 1940. ——

## פאלא לעזמאן

# איבער דארא טייטלבוימס בוך „הימל און ערד“

זאל מיר דערלויבט זיין צו זאגן א פאר ווערטער וועגן דעם נארוואס דערשינענעם בוך פון דער יידישער פאעטין דארא טייטלבוים: „הימל און ערד“.

דאס בוך „הימל און ערד“ ענטהאלט פינף טיילן, איז פארשידנארטיק אין אינהאלט און איז פילפארביק אין דער פאעזיע.

אין ערשטן אויגנבליק ווען מען לייענט דאס בוך כאפט זיך דער איינדרוק אז פון איין קאפיטל ביז צום צווייטן וואלט געווען א נעוואלדיקער מהלך, גלייך ווי דאס ערשטע קאפיטל „גלויבן“ האט גאר ניט קיין שייכות מיט דעם לעצטן קאפיטל „פון מיר צו דיר“. די טעמאטיק איז אן אנדערע, די שטימונג, ליריק דער ריטם. און דאך דערפילט מען ווי מען שטייגט, ווי עס פארבינדט דער נעכטן מיט דעם מארגן. שטעלט זיך טאקע די פראגע, ווי קען מען אנפאנגען מיט „גלויבן“, וועלכע פירט איבער חרבות מיט אזוי פיל פיינלעכע איבערלעבונגען, אט בלייבט מען שטיין ביי די חרבות פון אמאליקע שטעטל, פון אמאליקן שפרודלדיקן לעבן, אלץ וואס געווען איז אמאל. און דאך... נאכן גאנצן טרויער נאך די אלע טראגעדיעס פון אונזער צייט, שפאנט די פאעטין שטופענווייז פון קאפיטל צו קאפיטל, צום לעבן, צום ווידערזיין, צום שאפן, צום אלעם וואס איז מענטשלעך און דערפירט אונז צו זיינע געפילן און פארלאנגען, צו נייע שיינקייטן צום קאפיטל „פון מיר צו דיר“.

פון וואנען נעמט זיך אט די קראפט, די פארכישופטע, פון וועלן דווקא זיין פאר׳עקשנ׳ט צום אויסהאלטן, צום אנהויבן אויפסניי א לעבן מיט דעם גאנצן „האקל-פאקל“? וואו זיינען אט די ווארצלען, וועלכע שפייזן דעם פאעט און גיבן אים אזופל מוט?

און דא איז דער ענטפער: דארא טייטלבוים געהערט צו די דיכטער, וועלכע שעפן פון די פאלקס־קוועלן פון דעם טייל וואס האט באשטימט ניט אויפצוגעבן דעם קאמף, ניט אונטערגעבן זיך, נאר קעמפן און קעמפן ביז דער מענטש וועט ווערן מענטש, ביז צו דער אויסלייזונג. איר שטאם, און איר גלויבן איז דער שטאם און גלויבן פון מיליאנען יידישע פאלקס־מענטשן, און זיי האבן געקעמפט און זיך ניט אונטערגעגעבן אפילו דאמאלסט, ווען עס איז שוין ניט געווען פאר וואס זיך צו שלאגן. אט דאס איז די קראפט, דאס איז דער כוח פון גלויבן וואס שפרודלט אין יעדער איר קאפיטל, אז עס שאפט זיך און בויט זיך א ניי און שענער לעבן. דער וואס האט ניט קיין גלויבן אין זיין פאלק און זיינע ווערטן דער קען ניט קעמפן דער קען ניט שאפן. אזעלכע פאעזיעס זיינען פלאך און קינסטלעך אויפגעצוואונגען.

און כאטש אין א רייע פאעזיעס קומט צום אויסדרוק דער פאעטנס אייגן לעבן און דעם טייל „מיין שטאם און איך“ האט עס אבער א דירעקטן שייכות מיט דעם יידישן לעבן. דערפאר ווערט די פאעזיע פארוואנדלט אין א לעבן



פון א גאנץ פאלק ווייל דאס איז דער שטאם פון יידישן פאלקס־מענטש, ווערט עס אזוי ארום נאציאנאל „פאלקיש“. עס זיינען אויך פאראן מאמענטן פון גרעאנגל און באאומרואיקונג, וועלכע די דיכטערין האט גאר ניט בדעה צו באהאלטן. מען שרעקט זיך פאר דער צוקונפט פון דער יידישער ליטעראטור. לוינט זיך, דארף מען שאפן אין יידיש ווען אומעטום בלאזן בייזע ווינטן. דארט ווי עס האנדלט זיך וועגן יידישע לעבנס, גייסט, קולטור און אין דעם יידישן גורל אין אלגעמיין?

און זי פרעגט ווער דארף היינט א יידישן פאעט? אבער גלייך קומט דער טיפער איבערצייגטער גלויבן. יא, מען דארף דאס ליד, ווייל דארא טייטלבוים ווייסט אז איר ליד מוטיקט און וועקט, עס פילט אן מיט פרישע האפענונגען, עס לעבן יידן וועלכע דארפן יידישע שטורמישע און הארציקע טיף־מענטשלעכע לידער, וועלכע נאר פאעטן, וואס זיינען באריים זיי אפצוהיטן מיט זייער איינן בלוט קענען שאפן לידער, וואס זאגן אן פון בעסערע און שענערע צייטן, און צו די געהערט די דיכטערין דארא טייטלבוים. דאס איז די גרעסטע איבערצייגונג פון ערלעבן שאפן. און די דיכטערין פרעגט אין דעם ליד „ווי לאנג עס וועט לעבן אויף דער וועלט איין ייד“:

טראכט א מאל א בוים דערפון<br>
פאר וואס ער וואקסט. פאר וואס ער בליט?<br>
פאר וואס א מאל די העלע זון<br>
פאר וואס זי נעמט ניט, נאר זי גיט?

אין דער גאנצער פאעזיע פון דארא טייטלבוים וועבט זיך איין פארעם: שאפן. — „זיי ווילן ווערן לידער“:

עס גייען העלדן פון היינט און פון אמאל<br>
עס קרעכצן אלטע צעבראכענע געמיטער.<br>
איך הער א שטיל פארדומטן קול:<br>
„מיר ווילן ווערן לידער“.

נעבן דעם מענטשן דאס גרעסטע, דאס שענסטע. די דיכטערין טרייסלט זיך אפ פון די שווארצע פארזארגערס: אז אט, אט ווערט די יידישע ליטעראטור באלזאמירט, מען דארף ניט מער קיין יידיש. עס איז א סוף און פטור.

דארא טייטלבוים איז א פאלקס־פאעטין און ווייסט אז א פאלק שטארבט ניט אפ אויף דעם פארלאנג פון שונא. און אט זעט די דיכטערין די קינדער אין ביראבידזשאן, זעט זי אויך ווי עס בויט זיך דער גליקלעכער מארגן אויך אנדערשוואו. און דאס איז א נעגונגנדער כוח וואס פירט צום לעצטן קאפיטל פון בוך „פון מיר צו דיר“. עס וועט אויפגיין אין שטייגן צווישן זון און גליק די דיכטונג פון דארא טייטלבוים.

און זי פארענדיקט איר בוך מיט די ווערטער פון איר ליד „א צארטע רויז“

„ווער עס קומט מיט כמארעס און רעגן<br>
דער וועט די זון אויף מיין שוועל ניט טרעפן“.

---

## צום שלום פון דער מאַרק שאַגאַל אויסשטעלונג

די מאַרק שאַגאַל אויסשטעלונג אין דער טעט־גאַלעריע איז אָן שום ספק געווען אַ גרויסע דערלעבעניש פאַרן ענגלישן קונסט־ליבנדיק און קולטור־מענטש, וועלכער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו געניסן פון אַ מאָדערנער קונסט פּאָרעם, ווען אפילו, פאַר אים, טיילווייז צו אבסטראַקט און טיילווייז צו געפּילפּול. ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט, דער קונסט־ליבנדיקער און קריטישער מענטש זיך צוגריבלען אין שאַגאַלס נאַאיוו־ראַפינירטן טאַלאַנט און אין דער יידישער גייסטיק־פּסיכישער איינגאַרט. וואָרים וואָס איז דאָס שאַפן פון אַ גרויסן קינסטלער, ווען נישט די געפאָרעמטע ספּעציפישקייטן פונם אייגענעם פאָלק — פונם אָטעם פון זיין אָטעם!

מיר האָבן ביז שאַגאַלן שוין געהאַט גרויסע יידישע מאָלער, מיט וועלט נעמען,—נאָר צו דערמאָנען איזראַעל פּיסאַראָ ליבערמאַן!—אָבער זיי זיינען געווען יידישע מאָלער, קינסטלער־יידן, קינסטלער, וואָס האָבן געמאָלט יידישע מאָטיוון — מאַרק שאַגאַל איז אָן ספק דער ערשטער יידישער קינסטלער, וועלכער האָט געמאָלן יידישע מאָלעריי, יידישע וויזיע, יידישע פאַנטאַזיע זיינען געוואָרן צעוויקלטע פרייד־פאַרבן; זיינע לייוונטן האָט ער געשפּאַנט אויף זיין שטאָפּעליי ווי אויף אַ סטראַגאַן און צעוויקלט די העכערלעבסטע קאָלירן ווי, אויף אַ יאַריד אין מיטן מאַרק אַקיינגאיבער די זון; און מיט וואַסער חכמה און יידישן ווייץ אָנצוציענדיקן גלייכווערטל. זיי אַלע מוזן שטיינבלייבן און באַוואונדערן — זיך שפּיגלען אין זיי!

און די וואָס האָבן נישט ליב די יידישע קונסטשטיקן מיט זייערע ציטרע דריידלעך, די ציגיינער באָראָנען וואָס שפּילן דיר זייערע ראַפּסאָדיען מיט זייערע פידעלעך דירעקט אונטער דער נאָז... זיי וועלן שוין צוריקהאַלטן זייערע געשפּאַנען אינמיטן ווילדן געאייל, ווען ער וועט זיך זיי שטעלן אויפן קאָפּ דירעקט פאַר די מאָרדעס פון זייערע פערד — אַזוי נאַאיוו ווי אַ באָרוועסער ציגיינערל קאָן שאַגאַל זיין און אַזוי ביטער! און אוועקלויפנדיק נאָך, מוז מען באַוואונדערנדיק אויסדרייען דעם קאָפּ צו זען מיט וויפיל קינסטלערישן בראַוועד ער צעשאָקלט זיין גלעקל צעקלינגען לאָקן קאָפּ — — — —

עס איז געווען געטיילט די מיינונגען, די אויפנעמונג; אָבער, אַלע מיט באַוואונדערונג, מיט שטוינונג איבער אַ נייע אויפפאַסונג איבער אַ נייע פאָרעם פון יידישע מאָלעריי די געטיילטע מיינונגען און געטיילטע אויפנעמונגען איז נישט באַוואוסטזיניקע פריינטשאַפט צו אונז אָדער בייזוויליקייט — נאָר די ווירקונג איז אַזאַ, אַ דירעקטע: עס איז יידישע מאָלעריי, עס איז יידישע קונסט — אונזער דאַפּל־איך אויסגעשטעלט, מען זאָל אים דערזען, מען זאָל גריבלען אין אים.

די ראַסן־געשיכטע פון די פעלקער איז זייער פּלאַסטישע קונסט! און אפשר איז דאָס שוין געווען דער פאַרבאָט פונם „לא תעשה לך פסל“... ווער קאָן וויסן? מסתמא שוין דאַמאָלט געווען אַנטיסעמיטיזם... דאָס נאָר בדרך אגב, און אויך מער בדרך צחות.



אין אונזער יידיש וועלטל אָבער איז די מאַרק שאַגאַל אויסשטעלונג אַדורך שטיל פאַרשוויגן (אַ חוץ דוד זיידענפעלדס פיינער עסיי איז מיר מער נישט באַוואוסט) וואָלט שאַגאַל אַליין דאָ געווען וואָלטן זיך שוין געגעבן בעלנים מסתמא. ראַשי־קהלס, קונסט מעצענאַטן און געפּראַוועט רוישיקע באַנקעטן — פאַר דעם האָבן ידן נאָך אַ חוש! אָבער פאַר דער לעבנס ארבעט פון אַזאַ קינסטלער?

האָבן מיר וויינינגסטן, די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס איינגעאָרדנט אַ גרויסע מאַרק שאַגאַל פייערונג, צום שלום פון דער פאַרשטעלונג, שבת דעם 28־טן פעברואַר. רעדעס האָבן געהאַלטן י. א. ליסקי: „דער חלום מאָלער, דאָס פּראָווינציאַנישע אין שאַגאַלס בילדער“; י. ביעטש: „אַ פירונג דורך דער בילדונג גאַלעריע ביי מאַרק שאַגאַל“; און דער שרייבער פון די צייַלן: „דער יידישער פאָלקלאָר אין שאַגאַלס מאָלעריי“.

דער שבת נאָכמיטאָג איז געווען אַ באַלערנדיקער און גייסטרייכער און דער גרויסער עולם האָט געפילט די דערהויבנקייט און די פייערלעכקייט פונם טאָג פון די געהאַלטענע רעדעס לכבוד דעם גרויסן יידישן קינסטלער פון אונזער עפּאָכע.

אַ גרויסער טייל פונם עולם איז באַלד אוועק צו דער אויסשטעלונג אין דער טעט־גאַלערי. אַ צווייטער טייל, וועלכער האָט שוין די שאַגאַל אויסשטעלונג געהאַט געזען האָט לכבוד דעם טאָג, געווידמעט יידישער קונסט, געזען די „אַלטע מייסטער אויסשטעלונג“, וועלכע איז יעצט גראָד אין דער אַרט־גאַלעריע אין וויטשעפּל — אַ, מיר יידן האָבן דאָך אַ סך צו דערקלערן!...

אויפן באַנקעט שפּעטער, וועלכן משה עובד האָט פּרעזענטירט, האָט מען נאָך אַ סך אַרומגערעדט איבער שאַגאַלס אופן פון מאָלן, זיינע פאַרבן, זיינע פאַרגליכן, צו טינטאָרעטאָ, צו גרעקאָ... מ'האָט זיך געפילט יום טוב'דיק דערהויבן, וואָס מ'האָט זוכה געווען צו האָבן אין לאָנדאָן אַן אויסשטעלונג פון גרויסן יידישן מאָלער, פונם גרעסטן פון דער עפּאָכע. מיר האָבן אויך באַשלאָסן צו שיקן אַ באַגריסונג דעפּעשע צו מאַרק שאַגאַל. אייניקע פון אַרטיקלען וועלן מסתמא געדרוקט ווערן אין קומענדיקן נומער פונם זשורנאַל.

ש.

## דער אַרבעטער רינג

### און זיין קולטורעלע טעטיקייט

עס איז שוין אוועקגעגאַנגען באַלד אַ האַלב יאָר הונדערט זינט עס איז געגרינדעט געוואָרן דער אַרבעטער רינג אין ענגלאַנד. דער אַרבעטער רינג האָט געשאַפן אַרום זיך אַ היבשע באַוועגונג, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט געזעלשאַפטליכע טעטיקייטן אויף אַלע געביטן אָנפאַנגענדיק מיט נגנעזייטיקע הילף פאַר אירע מיטגלידער ביז העלפן מלחמה געליטענע יתומים און רעטאַבעלירן ערוואַקסענע וועלכע נויטיקן זיך אין הילף. דער סערקל הויז איז גע־

בליבן האלב געבליצט נאָך די פייערדיקע באָמבעס וואָס מיר האָבן געהאַט. עס שטייט די געביידע מיט אירע רויטע ציגל, וועלכע קוקט אַרויס ווי אַ זכר לחורבן מיט גרויסע אויפשריפטן „פּרענדלי סאָסייעטע און קולטורעלע אויפגאבן”. די הויז וועלכע איז דורך אַ נס האלב געראַטעוועט געוואָרן; די הויז מיט אירע צימערן מיט איר ביבליאָטעק וועלכע איז עטלעכע מאָל דעקאָרירט געוואָרן און איז נאָך אַלץ נישט אין פולער אָרדענונג.

דאָך איז דער ווינקל אין אַליע סטריט ניט ווייט פון אָלדגייט אַ צענטער וואו הונדערטער יידישע אַרבעטער געפינען אַ פּונקט פון וואַנען צו אָרגאַניזירן דאָס ביסל אָרעמען געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון לאָנדאָן. אַרום דעם אַרבעטער רינג טוליען זיך צו קאָמוניסטן בונדיסטן פּועלי ציון, אַנאַרכיסטן און פאַרשיידענע לאַנדשאַפטסמאַן — סאָסייעטעס, עס ווערן פאַראַנשטאַלט באַנקעטן, רעפעראַטן, ליטעראַרישע אָוונטן און פאַרשיידענע פאַרזאַמלונגען.

דער סערקל־הויז איז געבליבן די אינסטיטוציע, וועלכע מען קען רופן מיט נאָמען פאָלקס הויז אין פולן זין פון וואָרט. און עס איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך אַז אין אַ פאָלקס־הויז זאָל זיין אַ קולטורעלער צענטער פאַר קולטור און ליטעראַטור. מיט דער אָפּטיילונג באַשעפטיקט זיך אַ ספּעציעלער קאָמיטעט, אויסגעוויילט פון צ״ק פון טר. רינג מיט אַ דורזשעט פון עטלעכע פונט אַ וואָך, וואָס ווערט גענומען פון די קאָנטריביושאָן פון אַלע מיטגלידער פון גאַנצן אַרבעטער רינג פון אַלע 16 בראַנטשעס. די קולטורעלע אָפּטיילונג גיט זיך אָפּ מיט פאַראַנשטאַלטן רעפעראַטן אין יידיש און אין ענגליש.

פאַר דעם לעצטן יאָר איז די אַרבעט געווען ערפאָלגרייך. די אָוונטן זיינען געווען גוט באַזוכט די רעפעראַטן זיינען געווען פון אַ הויכן ניוואָ און די דיסקוסיעס זיינען געפירט געוואָרן זאַכלעך און אינטערעסאַנט.

דעם פראָגרעס איז צו פאַרדאַנקען די טעטיקייט און איבערגעגעבנקייט פון פאַריקן קאָמיטעט מיט די סעקרעטאַרן דעם גענעראַל סעקי פושקין און געהילפס סעק. דיען — דובאָווסקי.

עס איז אויך אויפגעטאָן געוואָרן אַ גוטע אַרבעט מיטן אַרויסגעבן אין אַ בוך פאָרם 5 רעפעראַטן איבער פאָלק און ליטעראַטור פון לעאָ קעניג, וועלכע וועט בלייבן אַ מאָנומענט פארן אַרבעטער רינג אין ענגלאַנד.

אויף ווי פיל מען זאָל ניט זוכן קיין פעלערן אין אונזער אַרבעט וואָס מיר האָבן נאָך ניט דערגריכט צו דער הויכער מדרגה פון אַ ספּעציעלן קולטור פאַריין דאַרפן אָבער געדענקען אַז אין דעם הינטערשטעליקן ענגלאַנד וואו די אַרבעטער מאַסן זיינען ניט אָרגאַניזירט אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און בכלל זייער אַפּאַטיע צו אַלעם וואָס איז יידיש איז דאָס נאָך אַ פרייוענדע ערשיינונג אַז עס פולסירט אַ באַוועגונג. מען דאַרף נאָר געבן דעם נויטיקן שוואונג און עס וועט זיך נעמען שטאַרקער באַוועגן.

מיר זיינען איבערצייגט אַז די יידישע מאַסן ווען פאַרשטיין אַז זייער גורל איז אָפּהענגיג פון די ערטער אויף וועלכע זיי לעבן אפילו אַז זיי זיינען



פאַרבונדן מיט אַנדערע לענדער ווי די קאָמוניסטן מיט רוסלאַנד און ציוניסטן מיט א״י דאָס זיינען, אידעען אָבער דער ווייל איז דער אָרט וואו מען לעבט בילכער צו שאַפן און בויען אַ געזונטן יידישן ישוב מיט אַן אייגנאַרטיקן קולטורעלן לעבן און אַז מיר וועלן דאָס פאַרשטיין וועלן מיר שטיצן יעדן רוף פאַר אַ געמיינזאַמער אַקטיוויטעט און שטאַרקן די הענט פון די טוער פון אַרבעטער רינג.

פאָרזיצער פון בילדונגס קאָמיטעט אַרבעטער רינג.

**מ. מינדעל**

## יהודית מאַרעצקאַ אין לאָנדאָן

די באַקאַנטע קינסטלערין יהודית מאַרעצקאַ פון פּאַריז, וואָס האָט דעם 15טן פעברואַר געגעבן אַ קאָנצערט פון יידישע פאָלקס־לידער אין לאָנדאָנער ווייטהאָל טעאַטער, אַראַנזשירט פונם יידישן אַרבעטער הילף קאָמיטעט אין ענגלאַנד, איז אַ זינגערין מיט אַ סך יידישער קולטור. איר שטים־מאַטעריאַל איז פאַרביק, ריך און אַנטוויקלונגס־פעאיק. איר פאָלקסליד־פּראָגראַם איז געווען אַ גוט צונעקליבענער, אַ ליטעראַריש ריינער און אין איר אינטערפּרעטאַציע האָט זיך געפילט קינסטלערישע קוואַליטעט.

מאַרעצקאַ האָט, ווייזט זיך אויס, אַ גוטע מוזיקאַלישע שולע הינטער זיך און צו איר שבח מוז מען זאָגן, אַז זי נעמט איר אַרבעט אַרום דעם פאָלקליד ערנסט און איז באַמיט אַרויסצוברענגען דאָס בעסטע און שענסטע פון דעם פאָלקס־אוצר. אין דעם פאָלקסליד האָט זי געפונען דעם שורש פון איר קינסטלערישער נשמה און דעריבער טאַקע באַקומט עס ביי איר זיין תקון. דער גאַנצער באַהאַלטענער צער פון אומקום און פאַרגיין הערט זיך אין די צאַרטע טענער, וואָס זי זינגט אויס אין קאַטשענינסקי׳ס, „שטילער...שטילער”, געבירטיג׳ס „עס ברענט” און דעם ליד פון לאָרזשער געטאָ „מאַך צו די אויגעלעך”.

דער קאָנצערט איז געווען אַן אמת׳ער יו״ט פאַרן פאָלקסליד און אַ דערפאָלג פאַר דער קינסטלערין. דער באַקאַנטער פּיאַניסט ווילפריד דאַנוועל האָט איר אַקאָמפּאַנירט.

מיר האָפן, אַז מאַרעצקאַ וועט באַלד ווידער זיין צו גאַסט אין לאָנדאָן מיט אַ רייכן (און לאָמיר צוגעבן אַ באַרייכערטן) רעפּערטואַר נישט נאָר פון יידישע נאָר אויך פון העברעאישע פאָלקס־לידער, פאַרבינדענדיק דעם טרויעריקן געבעטן מיט דעם האָפנונגספולן מאָרגן.

י. מ.

## שלמה מענדעלסאָן

מאָנטאַג, דעם 9־טן פעברואַר ה.י., איז אין לאָס אַנדזשעלאָס, קאַליפאָרניע, פּלוצלינג געשטאָרבן, אין עלטער פון 52 יאָר, פון אַ האַרץ־אַטאַק, דער גוט באַקאַנטער יידישער קולטור־טוער און אַנגעזעענער בונדיסטישער פירער שלמה מענדעלסאָן.

שלמה מענדעלסאָן האָט געשטאַמט פון איינער פון די אַמטערסטן מיוחס־דיק יידישע משפחות אין וואַרשע.

ער איז געווען אַ גרויסער רעדנער. אפשר איינער פון די גרעסטע פון אונזער דור. ער האָט פיל געוואוסט און האָט טיף געגלייבט, אַ זאַך, וואָס טרעפט זיך אַזוי זעלטן אין אונזערע שווערע צייטן. מיט זיין גלויבן האָט ער אָנגעצונדן די יעניקע, וועלכע קיינער וואָלט נישט איבערציינגט מיט אַ שכלדיק וואָרט.

ער האָט אַליין געשאַפן אויפן געביט פון יידישער ליטעראַרישער קריטיק און האָט געהאַט צענדליקער פריינט, צווישן די, איבער וועמענס ווערק ער האָט אַזוי טיף געשריבן און שיין גערעדט.

אָבער שלמה מענדעלסאָן איז נישט געווען נאָר אַן עסטעט. ער האָט געפילט אין זיך אַ טיפע מיסיע אַליין צוצולייגן אַ האַנט צו דער נייער געבוידע, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן הויפּטזעכלעך אין פּוילן אין דער ערשטער העלפט פון היינטיקן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען שלמה מענדעלסאָן, וועלכער איז געוואָרן דער גענעראַל־סעקרעטאַר און אמתער פירער, אין יעדן זין אַ פירער, פון דעם פּרעכטיקן יידישן שול־וועזן, דער שול־געבייטע פון דער צישאָ אין פּוילן. ער האָט אין די דאָזיקע שולן געאַרבעט אַלס אַ לערער, אַלס אַ פּראָפעסאָר אויף לערער־קורסן און סעמינאַרן, אַלס באַגייסטערטער פּראָפּאַגאַנדיסט אויף פאַרזאַמלונגען מיט טויזנטער אַנטיילנעמער.

און אין דער זעלביקער צייט האָט ער טאָג־טעגלעך געזאָרגט זיך וועגן אַרויסבאַקומען אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ נייע שול, וועגן באַקומען אַ לאָקאַל, וועגן אויסגעפינען פּאַסיקע לערער און וועגן שאַפן די גראָשן, אויף וועלכע דאָס מעכטיקע יידישע שול־וועזן אין פּוילן האָט זיך געהאַלטן. קיין שום אַרבעט איז פאַר אים נישט געווען צו קליין, צו פּראָזאַאיש. ווי זעלטן ווער האָט ער פאַרשטאַנען די נויטיקייט פון יום־טוב אין אַ וואָכן־טאָג. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אָן איינעם קען נישט זיין דאָס צווייטע. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די גרויסע „וואָכעדיקע אַרבעט קען בשלימות געטון ווערן נאָר דורך מענטשן, וואָס טראָגן יעדן טאָג דעם שבת אין זייערע נשמות. ער האָט געוואָלט דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פון די יידישע מאַסן באַשיינען מיט די שטראַלן פון עפּעס גרויסן און דערהויבענעם. און נאָר דערפאַר, ווייל ער איז אַליין געווען אַ פּרעכטיקע פאַראייניקונג פון רעאַלקייט און פּאָעזיע, האָט ער געקענט אַזוי אָפט אין וואַרשע און ביאַליסטאָק, אין לאָדזש און ווילנע, אין



טאַרנאָוו און קרינקי טויזנטער מענטשן פאַרוואַנדלען אין טיף־גלויביקע, פולע און אויפריכטיקע מאָדערנע יידן.

אין 1944, ווען ער האָט זיך אַריבערגעקומען קיין ניו־יאָרק, האָט ער זיין פלאַמיק האַרץ געאָפּפערט, כדי אויפצוּוועקן דאָס געוויסן פון די אַמעריקאַנער יידן און דורך זיי דאָס געוויסן פון דער וועלט וועגן דער מאָרדישער שחיטה, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין אָקופּירטן דורך די דייטשן אייראָפּע. פיל האָבן נישט געוואָלט דערין גלויבן. אַנדערע האָבן נישט געוואָלט הערן אַ מענטשן, וואָס האָט צעשטערט די רואיקע און צופרידענע טעג פון זייער זאַט לעבן. איבער דער לענג און ברייט פון אַמעריקע איז געגאַנגען דער איינזאַמער שליח פון וואַרשע און ווילנע. מען איז געווען גרייט צו געבן אַ סענט, מען איז נישט געווען גרייט צו געבן אים באַטש אויף איין מינוט דאָס אויער פון דער נשמה.

דאַן איז שוואַך געוואָרן מענדעלסאָנס האַרץ. אָבער נאָר פיזיש. גייסטיק איז ער געבליבן דער זעלביקער ריז, ווי ער איז געווען אין זיין וואַרשע. ביז צו דער לעצטער מינוט פון זיין רייך לעבן האָט ער געדינט די, וועלכע, ווי ער האָט געגלייבט, האָבן זיך גענויטיקט אין זיין דינסט. ער האָט קיינמאָל נישט פאַלאַנגט קיין כבודים. ער האָט זיי קיינמאָל נישט באַקומען. אַ חוץ די ליבע פון די אַלע, וועלכע האָבן געהאַט דאָס גליק אים צו קענען. די דאָזיקע ליבע וועט אים נאָכגיין אין זיין אייביקער רו.

## יחזקאל נח ערלעכמאַן

### חסידישער פאָלקלאָר — 3 „ס׳איז מיין ווייב“

ערשטע סעריע — די אַלטע קאַצקער

אין דעם שטעטל פּיליץ, נעבן זאַוויערטשע, פּוילן, איז דעמאָלט געווען רב ר׳ פּינטשע ראָטענבערג זצ״ל, פון די שיירי חסידי קאָצק. ער איז געפאָרן צום שפת־אמת זצ״ל און געווען זער געאַכטעט ביי אַלערליי חסידים.

וואָס איך גיי דאָ דערציילן, איז פאָרגעקומען אַ יאָר פאַר זיין פּטירה.

ער איז שוין געווען אין עלטער פון איין און אַכציק יאָר און זיין פרוי, די רביצין, איז שוין געווען אַכציג יאָר אַלט. זיי האָבן געהאַט אַ קרוב אין זאַווערטשע, וועלכע האָט געמאַכט אַ שמחה און ביידע, דער רב מיט דער רביצין, האָבן געדאַרפט אַהינפאָרן. האָט דער רב אַרויסגעשיקט זיין משמש ברענגען צוויי דראָזשקעס, איינע פאַר זיך און איינע פאַר דער רביצין — ער וועט דאָך נישט פאָרן מיט אַן אשה אויף איין דראָזשקע!

צום בעדויערן האָט דער משמש נאָר געקאָנט ברענגען איינע. די אַנדערע איז שוין געהאַט אַוועקגעפאָרן. דער רב האָט זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט. ער האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט און דאַן געהייסן דער רביצין, זי זאָל

זיך אַריינזעצן אין דער דראָזשקע. צום דראָזשקאַזש אָבער האָט ער געזאָגט:

— פאָר אַרויס ביז אונטער דער שטאָט. איך וועל באַלד אַהינקומען און וועל מיך דאָרטן אַריינזעצן.

דער דראָזשקאַזש, אַ פּראָסטער מענטש, זאָגט צום רב:

— רבינקע טייערער, פאַרוואָס זאָלט איר זיך נישט דאָ אַריינזעצן, ס'איז דאָך אייער ווייב און אין טייטש-חומש שטייט, אַז מיט אַן אייגן ווייב מעג מען פאָרן?

דער רב האָט שמייכלענדיק געזאָגט צו אים:

— דו ביסט גערעכט, מיין קינד, אָבער עס קאָן זיין, אַז ס'איז דאָ דאָ אַ פרעמדער ייד, וואָס ווייסט נישט, אַז זי איז מיין ווייב. וועל איך דאָך מאַכן יענעם פאַר אַ חושד בכשרים!

דער דראָזשקאַרזש האָט איינגעזען, אַז ער וועט דאָ גאָרנישט אויספּירן. ער האָט אַפילו נישט פאַרשטאַנען דעם אויסדרוק „חושד בכשרים". איז ער געפאָרן ביז הינטער דער שטאָט, און כאָטש ס'איז געווען אַ קורץ שטיקל וועג, האָט געדויערט מער ווי צען מינוט ביז דער רב איז אָנגעקומען, ער אויסגעמאַטערט.

דער דראָזשקאַזש האָט אים אַריינגעזעצט אין דער דראָזשקע, געמאַכט אים באַקוועם און פאָרטגעזעצט די רייזע קיין אַזוויערטשע. ווען זיי זענען שוין געקומען הינטער דער שטאָט, זאָגט דער רב צום דראָזשקאַזש, אַז ער זאָל זיך אָפּשטעלן, ווייל ער וויל אַראָפּגיין און גיין צופוס ביז צום קרוב'ס הויז.

דער דראָזשקאַזש האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. עס איז דאָך ביי אים געווען אַ גאַנצער יחוס, צו האָבן דעם רב ר' פּינטשע פאַר אַ פּאַסאַזשיר. און וועלנדיק ציען וואָס מער אויפמערקזאַמקייט צו זיך מצד די שטאָט־מענטשן, איז ער אַריינגעפאָרן אין שטאָט אַריין מיט גרויס פּאַראַד, פּאַכנדיק און קנאַקנדיק מיט דער בייטש.

דער רב האָט געזען, אַז ער וועט גאָרנישט אויספּירן, און דאָ גייען דערווייל פאַרביי יידן און מען קען אים נאָך חושד זיין — איז אים איינגעפאַלן אַ קלוגער געדאַנק. ער האָט זיך אַביסל אויפגעשטעלט, אָנהאַלטנדיק זיך אין דער זייט פון דער דראָזשקע, און געשריגן איבערן גאַנצן וועג:

— יידן, ס'איז מיין ווייב! ס'איז מיין ווייב!

מען קען זיך גרינג פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ שיינער איינפאַל עס איז געווען! מענטשן זענען אַרויסגעקומען פון זייערע געשעפטן און אַ סך האָבן אים באַגלייט ביז צום קרוב'ס הויז; און דאָס האָט פאַרגרעסערט די שמחה...

דער דראָזשקאַזש האָט געהאָלפן דעם רב אַראָפּגיין פון דער דראָזשקע און בשעת מעשה געזאָגט:

— איך האָב נישט געקאָנט דעם רב לאָזן גיין אַזאַ שטיק וועגס אין אַזאַ הייסן טאָג. נישט געזאָרגט. דער רבי וועט מיר מוחל זיין, און „זיין ליבער נאָמען" וועט דעם רבין אויך מוחל זיין!....



# פינף יאָריקער יובל פון פריינט פון יידיש לשון

מיט אַ באַזונדער פייערלעכקייט און ערנסטקייט, איז שבת דעם 7־טן פעברואַר אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, געפייערט געוואָרן דער פינף־יאָריקער יובליי פון „פריינט פון יידיש לשון". כמעט אָן גרויסע מעלדונגען און אָן לאַנגע נאָטיצן, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַ גרויסער עולם אָנטייל צו נעמען אין די פייערונג פון פינף יאָר קולטור אַרבעט אינם יידישן לאָנדאָן.

דער פאָרזיצער א. נ. שטענצל, צום שלוס פון זיין רעדע, באַטאָנט:

דער גרויסער עולם, וועלכער איז היינט געקומען, אויס ליבע צו דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך, איז בלי ספק אַ גרויסע מאַניפעסטאַציע פאַרן יידישן וואָרט. עס איז כדאי צו דערקלערן צו די וואָס טראָגן אַ שנאה צו יידיש, זאָלן וויסן אַז דאָרטן, וואו מען הערט אויף ריידן יידיש, ווערט אָפּגעשוואַכט דער יידישער גייסט בכלל. די פריינט פון יידיש לשון האָבן געטון גוטע און נוצליכע קולטור אַרבעט. פאַר די לעצטע פינף יאָר און האָבן גרויסע פאַרדינסטן לגבי די דערשיינונג אין דער איצטיקער פאָרם פונם זשורנאַל „לשון און לעבן".

משה עובד באַגריסט די פייערונג און זאָגט, אַז די גרופּע פריינט פון יידיש לשון האָבן אַ גרויסע און וויכטיקע אויפגאַבע, צו שאַפן אַן אַקטיווע עפנטליכע מיינונג, כדי צו באַקעמפן דעם הערשנדיקן הפקר גייסט צו דער יידישער שפּראַך.

מיט ווייטערע באַגריסונגען טרעט אַרויס, י. ביעטש, אליהו פּאַלושאַק און אַנדערע.

אינם ליטעראַרישן טייל נעמט שטאַרק אויס נ. רובין מיטן פאָרלייענען פון די ווערק פון די לאָנדאָנער פּאָעטן און שרייבער.

נאָך די פייערונג אויף דעם ליטעראַרישן שבת נאָכמיטאָג, איז אין אָוונט פאָרגעקומען אין אַרבעטער רינג, דער באַנקעט, וואו ס'האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסע צאָל פון יידישע אַרבעטער, אינטעליגענץ, וועלכע האָבן ביי שיין געדעקטע טישן פון כל טוב, אָנטייל גענומען אינם יום־טוב.

משה עובד דער פּרעזידענט פון פריינט פון יידיש לשון, דערקלערט, אַז כאָטש אונזער אַרבעט, וועלכע זעט אויס צו זיין אַביסל באַטיש, דאָך האָט דאָס הייפעלע מענטשן, וועלכע שטייען ביי דער זאַך, געטון ביז איצט גרויסע אַרבעט. שוין דערמיט וואָס פון די העפטלעך, וועלכע האָבן אַלעמאָל געהאַט אַנאַנדערן טיטל, האָבן מיר היינט דעם שיינעם און וואַגיקן זשורנאַל „לשון און לעבן". וועלכער דערשיינט יעדן חודש, אונטער דער רעדאַקציע פון אונדזער אַלעמענס ליבן פריינט א. נ. שטענצל.

די וויכטיקייט פונם זשורנאַל, איז, וואָס דער ציל איז צו דינען דעם בעסערן יידישן לייענער. לשון און לעבן קען באמת ווערן אַ גייסטיקער אוצר פאַרן יידישן לאָנדאָן, וואָס רעדט, דענקט און פילט אין יידיש.

שיקט באגריסונגען צום 100'סטן יובל נומער!
„לשון און לעבן" —::— פארן מאי נומער

די סוף־חודש זיצונגען פון
„פריינט פון יידיש לשון" ביי „בן־אורי"

זונטיק 28 מערץ 1948 8 אוונט
אין לאקאל פון
„בן־אורי" קונסט גאלעריע
14 פארטמען סטריט ו.1.
א לכבוד פורים אקאדעמיע
עס וועלן זיך באטייליקן מיט רעציטאציעס
און דעקלאמאציעס:
שוישפילערין דארא דימאנט, אייזיק
גאלדבערג, נעט רובין א.א.
אריינפיר ווארט — א. נ. שטענצל
אינטערים פריי...! און 1 שילינג...?
פאר נישט מיטגלידער
זימע מיר און צוביסן

גומי־רייפן און גומי־קישקעס
פאר
אויטאמאבילן און לאסט־וואגאנעס

For all Tyre requirements
Car & Commercial

consult

QUEENSBRIDGE TYRE
SERVICE LTD.

184 Hackney Road,
London, E.2
Tel. SHOreditch 7750

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

„די צייט"
געגרינדעט אין 1913 פון
מאררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראפע.)


מיר האבן אויך געהאט א ריי פאלקלאריסטישע קאנצערטן, וואו דאס פאלקס ליד, וועלכעס ציט זיך ווייט און ברייט און נעמט זיך פון די געפילן און עמפינדונגען פונם פאלק אין וועלכעס עס לעבט, קומט צום אויסדרוק. „פריינט פון יידיש לשון", האבן דאריבער א גרויסע אויפגאבע צו אנטוויקלען, אויסצוברייטערן איר טעטיקייט, אויף אלע געביטן פון די יידישע קולטור. עס באטייליקן זיך מיט באגריסונגען די שרייבער שמואל והייט, ס. כץ, דוד זיידענפעלד, צבי ארענשטיין, דוב ווארשאווסקי, ל. קרעדיטאר, ס. פאלמע, י. גאלדינגער, די שוישפילערין דארא דימאנט און אנדערע.

י. ביעטש אין זיין דערקלערונג, וועגן מצב פון פריינט פון יידיש לשון שטרייכט אונטער, אז טראץ אלע שוועריקייטן, האט דער פאריין בלי ספק א ווערטפולע שטיק קולטור ארבעט הינטער זיך. אבער אזא פאראיין, מיט אזעלכע גרויסע אויפגאבן, קען נישט עקזיסטירן אן דער פולער אונטערשטיצונג מצד דעם יידישן עולם, וועלכער געניסט אסך פון דעם.

דער סעקרעטאר אליהו פאלושאק שטעלט זיך אפ אויף דעם, אז אין די אמאליקע יידישע ישובים פון רוסלאנד, פוילן און ליטע האט מען אזעלכע ארגאניזאציעס נישט געברויכט, ווייל דאס טאג טעגליכע לעבן פונם רוב פון פאלק האט זיך אפגעשפילט אין יידיש. דא, אין לאנדאן איז א געזעלשאפט „פריינט פון יידיש לשון" א לעבעדיקע נויטווענדיקייט. ער אפעלירט צו אלע, אז זיי זאלן זיך אנשליסן אלס מיטגלידער פון פריינט פון יידיש לשון.

אייזיק גאלדבערג, וועלכער האט געלייענט א קראנץ פון ליטעראַרישע אויסצוגן פון לאנדאנער שרייבער. באטאנט אז עס פרייט אים זייער אז דורך די באמיאונג פון פריינט פון יידיש לשון מערקט זיך לעצטנס א גרויסע אויפלעבונג אויף דער יידישער גאס און יידישע אינסטיטוציעס.

אינם שלום ווארט ציינט אן דער דיכטער א. נ. שטענצל אז די ארבעט האט זיך צילפאך פארגרעסערט פאר די לעצטע פינף יאר, אבער מיר מוזן נישט פארגעסן, אז די ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס, וועלכע גייען שוין אן וואך איין, וואך אויס, פאר די לעצטע ניין יאר, איז שוין געווארן א הרגל און א גייסטיקע נויטווענדיקייט, וואו דער יידישער עולם פארברייננגט אין א יידישע סביבה, און ווערט באקאנט מיט די פערל פון די יידישע ליטעראטור.

מיטן לייענען פון נ. רובין, האט זיך שפעט אין דער נאכט אין א פייערלעכער געהויבענער שטימונג געענדיקט די פייערונג.

י. ביעטש

---

## די קומענדיקע ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

אין בערנארד באראן סעטלמענט, 33, בערנער סטריט, א.1. — 3 בייטאג

שבת, דעם 6־טן מערץ, וועט שלמה אווערבוך האלטן א רעפעראט איבער דעם גרויסן העברעאישן דיכטער שאול טשערניכאווסקי.

שבת, דעם 13־טן, וועט אליהו פאלושאק האלטן א רעפעראט.

שבת, דעם 20־טן — א נאכמיטאג פון הומאר איבער יידישן פאלקלאר.

שבת, דעם 27־טן — טראדיציאנעלע פורים־פייערונג.

ארבעטער רינג — יידישע קינדער הילפס קאמיטעט
(צו רעהאבילימירן יידישע קינדער אין אויסלאנד)
סירקל הויז, עלי סטריט, איסט

Day: ROYAL 3791 — Evenings: ROYAL 6780

# א קאנצערט

פון יידישן ווארט

דאנערשטיק 8 אפריל 1948 7 אוונט אין פריענדס־הויז

FRIENDS HOUSE, EUSTON ROAD, N.W.1

מיט דער באקאנטער ארטיסטין

## ניוסיא גאלד

אין א ספעציעל צוגעגרייטן נייעם פראגראם
אויף דער יידיש־רעדנדיקער פילם

## „מיר קומען אן"

וואס שילדערט דאס לעבן פון קינדער בשעת דער נאצי אקופאציע
און נאך דער באפרייאונג

קומט אין מאסן — ברענגט די בילעטן

## „פאלק און ליטעראטור"

פון לעא קעניג

ארויסגעגעבן דורכן ארבעטער רינג בילדונגס קאמיטעט

מיר זייען שטאלץ צו אנאנסירן דאס ארויסגעבן פון אונזער ערשטן יידישן בוך פון באקאנטן יידישן שרייבער, עסייאיסט און ליטעראטור־קריטיקער

## לעא קעניג

„פאלק און ליטעראטור" (ערשטער טייל)
„יידן און די מאדערנע קונסט" (צווייטער טייל)

(א קריטישער אנאליז פון יידישער ליטעראטור און קונסט אין אונזער צייט)
פיין געבונדן, געדרוקט אויף קונסט־פאפיר, 148 זייטן, אילוסטרירט

פרייז: 10/6. — לוקסוס ארויסגאבע לעדער געבונדן: 21/-

צו באקומען פון אלע יידישע בוכהענדלער

אדער שיקט אייער ארדער מיט געלט אדער טשעק דירעקט צום סעקרעטאר:

Workers' Circle, Dept. K., Circle House, 22 Alie Street, E.1



*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*




# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

ניינטער יארגאנג — אפריל 1948 לאנדאן — **נומער 4** (העפט 99)

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאלט:


1. כי מעולם ועד העולם אתה אל. 2. שפוך חמתך על הגויים
3. צום אנדענק פון ווארשעווער געטא־אויפשטאנד — ** .. 1
דעם קרבן איז מען קיינמאל נישט מוחל — לעא קעניג .. 4
איך וויים נישט (ליד) — ש. זאלקין .. .. .. 8
פרילינג (סקיצע) — ראלוקא בירמאן .. .. .. 9
בליענדיקער גינסטער (ליד) — — — א. נ. שטענצל .. 11
סודות פון חדר (לעגענדעס) — משה עובד .. .. 14
דער ראב פון עדגאר אללאן פאע
— (יידיש פון יעקב שמואל טויבש) .. 20
„קאמעראדן סאלדאטן" אדער די רעוואלוציע פון די בניאקעס
(עסיי) — אליהו פאלושאק .. .. 23
געוויין פון בענקשאפט, טרערן (לידער) — י. ראגעל .. 26
חרם־קללה מוז קומען אויף דייטשלאנד און דייטשן
בלוט פון קדושים איז מקטרג — דוב ווארשאווסקי. 29
אין גאליציע כ'בין געבוירן (ליד) — יוסף הלל לעווי .. 36
פאר דער טיר וואס האלט ביים צופאלן
(לעא קעניג אלס שרייבער און מענטש) — נ. מ. סידא 39
די יונגע העברעאישע דיכטונג אויפן שיידוועג (עסיי)
— יעקב פערנבאך .. .. .. .. 44
אימבער און התקוה (עסיי) — יוסף פרענקל .. 49
„א דור פון בראשית" (רעצענזיע) — י. ביעטש .. .. 56
נומער 99 — ש. .. .. .. .. .. 58
יובל פייערונג צום 70 געבוירן טאג פון ש. ל. קרעדיטאר, די
קינדער פון בעלגיע .. .. .. .. 60
וועגן דעם אלוועלטלעכן קולטור קאנגרעס .. .. 61
חסידישער פאלקלאר — יחזקאל ערלעבכמאן .. 63
קולטור ידיעות פון דא .. .. .. .. 63
מיטטיילונג איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס .. 64



פרייז 1 שילינג

אבאנענטס־פרייז:—13/6 פאר א יאר;
אין אויסלאנד:—3 דאלאר א יאר
1/3 פאר א פראבע נומער

אדרעס פון רעדאקציע
„לשון און לעבן", נאראד־פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן א. 1.